לעזט היינט די ,,אידישע טאראנטא׳׳

The Hebrew Journal — דער אידישער — The Hebrew Journal

זשורנאל

די איינציגע
אידישע ציטונג
אין אנטאריא.

VOLUME III No 5610 — Toronto. Friday June 11 1915 — זון־אונטערגאנג 7,59. — כ״ט־סיון פ׳ קורח תרע״ה. — פרייטאג, דער 11־טער יוני, 1915. — PRICE: 1 CENT

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

פרעזידענט ווילסאנ׳ס נאטע רעדט שארף

דייטשען ציהען זיך צוריק אין די באלטישע פראווינצען

טאראנטא בעפוצט און בלומען

וואשינגטאן, יוני, 10.

היינט איז פערעפענטליכט געווארען דער אינהאלט פון דער צווייטער נאטע, וואס פרעזידענט ווילסאן האט געשיקט קין דייטשלאנד.

די הויפט פונקטען זיינען פארלאנגענדע:

א פאדערונג, דאס די דייטשע רעגירונג זאל רעספעקטירען די לעבענס פון מאנשאפטען און פון פאסאזשירען פון שיפען אין קריעגס געגענד.

און א פערלאנג דאס דייטשלאנד זאל פערזיכערען דאס זי וועט ענדערען אין דער ווירקליכקייט איהר פאליסי מיט איהרע סובמארינס.

דייטשען ציהען זיך צוריק

בערלין, יוני, 10.

די רוסישע ארמייען אין גאליציען ווי אויך צו צפון צו אין די באלטישע געגענדען זיינען שטארק אונטערגעפרישט געווארען מיט נאך מיליטער און זיי שטערען דעם פארשריט פון דעם עסטרייך־דייטשען חיל. אזוי ערקלעהרט מען אפיציעל אין בערלין, און מען גיט נאך צו, אז די דייטשען האבען זיך געמוזט צוריקציהען קיין בייסאגאלא און אין אנדערע פונקטען. דאס אלזא מיינט אז דאס דייטשע חיל וואס האט זיך אריינגעשפארט אין די באלטישע פראווינצען האט זיך צוריקגעצויגען.

דער בעריכט לויטעט ווי פאלגט:

—(׃)—

אויפ׳ן מזרח שלאכטפעלד.

אין דרום מזרח פון שאוועל האבען די רוסען מעכטיג געשטערט אונזער פארשריט. פערכאפט האבען מיר אין די לעצטע פאר טעג אין דעם דאזיגען געגענד 2250 געפאנגענע און 2 מאשין הארמאטען.

דייטשען ציהען זיך צוריק אין די באלטישע פראווינצען.

דער שונא האט געבראכט פריש חיל פון צפון מזרח געגען אונז אין מזרח פון טייך דוביסא.

איבער דעם דאזיגען סטראשונאק האט אונזער פליגעל זיך צוריקגעצויגען צו בייסאגאלא אהנע צו זיין געשטערט אין דעם פון שונא.

אין דרום זייט פון טייך ניעמען האבען מיר גענומען 3020 רוסישע געפאנגענע נאכיאגענדיג דעם שונא זייט דעם 6־טען יוני. מיר האבען אויך פערכאפט 2 פלעגס, 12 מאשין הארמאטען און פיעלע פעלד קיכען און וועגען.

—):(—

אין גאליציען.

די לאגע אין מזרח פשעמישל האט זיך ניט געביטען.

פריש רוסיש חיל איז אנגעקומען פון מיקאלאאיוו און ראהאטין צו דרום און דרום מזרח פון לעמבערג. זייער אטאקע איז צוריקגעשטויסען געווארען פון דער ארמיי אונטער גענעראל פאן ליגסינגען.

אין מזרח זייט פון סטאניסלאוו און ביי קאלעדניץ געהט אן א הייסע שלאכט.

לאנדאן איז אפטימיסטיש.

לאנדאן, יוני, 10.

ווען מען לעזט דא צווישען די שורות פון פרעזידענטס אפיציעלע נאכריכטען וועגען די לעצטע 12 שטונדען קומט מען צום שלוס, אז די רוסען זיינען אביסעל געקומען צו זיך אויף דעם מזרח שלאכטפעלד.

א נייע אטאקע אויף די דייטשען.

זשענעווא, יוני, 10.

א דעפעשע פון ווין צו דער ,,טריבון׳׳ זאגט, אז דאס רוסישע חיל גרייט זיך צו מאכען א נייע אטאקע אויף דער ארמיי פון מעקענזען.

צווישען ניסקא, וועלכעס איז זעכציג מייל צפון דרום פון פשעמישל און אוטאנאוו אין מזרח פון ניסקא, איז שוין פארגעקומען א צוזאמענשטויס.

די דעפעשע זאגט דאס 20 טויזענד בייערען, וועלכע זיינען אטאקירט געווארען פון שטארקע מחנות רוסישע מיליטער האבען זיך צוריקגעצויגען, איבערלאזענדיג אנגעפעהר טויזענד טויטע און פערוואונדעטע.

עמיר נערליך אן עדות פאר זיך זעלבסט

—):(—

דער צווייטער טאג פון נערליכס טריי־על וועלכער איז אנגעקלאגט אין הויכפערראטה, האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם, וואס מר. העלמוט, נערליכס הויפט־לאיער האט געמאכט א פארשלאג, אז די אנקלאגע האט ניט געבראכט גענוג בעווייזע, אז נערליך איז בעגאנגען א פערראטהעריש טהאט. ער האט עס געוויזען מיט פערשיעדענע פאינטס פון די עדות, וועלכע זענען גערופען געווארען פון דער אנקלאגע און דריבער זאל די קייס ארויסגענומען ווערען פון דער דזשורים הענד.

דזשאדזש סאטערלאנד האט געשלאסען דעם קאורט און איז ארויס איבער־צוטראכטען וועגען מר. העלמוטס פארשלאג.

נאך א לאנגען נאכדענקען, האט דער דזשאדזש בעשלאסען, אז בעווייזע זענען גענוגענד אז נערליך איז יא שולדיג.

ווען דער דזשאדזש האט ארויסגעגעבען זיין ענטשיידונג, האט מר. העלמוט גערופען נערליכען אליין צום וויטנעס סטענד. דאס איז געווען א שטארקער צוג מצד דער פערטהיידיגונג.

ביים ערשטען טרייעל האט עס די פערטהיידיגונג ניט געטהאן, זי האט זיך בענוגענט מיט דעם, וואס זי האט גערופען אנדערע עדות. ביי דיעזער טרייל ווייזט אויס האט זיך די פערטהיידיגונג ארומגעזעהען, אז מיט פרעמדע וועט זי גארנישט מאכען, און האט דעריבער נערליכען אליין גערופען אלס עדות פאר זיך אליין.

אין א גאנץ געלאסענעם טאן האט ער דערצעהלט, אז ער איז דא אין קענעדע פאר די לעצטע 25 יאהר און דאס ער איז אהער געקומען ווען ער איז אלט געווען 20 יאהר. מיט זירזאן האט ער זיך בעקענט ווען דער לעצטער איז געקומען צו איהם און האט איהם געבעטען א דזשאב, און אזוי ווי זירזא האט זיך בעקלאגט פאר איהם, אז ער איז הונגעריג, האט ער איהם געגעבען אבצועסען א מאלצייט אין פרינס דזשארדזש האטעל. דאן איז דער זעלבער זירזא געקומען צו איהם אהיים וואו מרס. נערליך האט בעצאהלט פאר זיין לאנדרי. ער האט אויך ערקלעהרט, אז ער האט געגעבען צו קינטצען די 10 דאלאר ער זאל בעצאהלען זירזאס חובות. זירזאן אליין האט ער ניט געוואלט געבען דאס געלד ווייל ער האט מורא געהאט, אז זירזא וועט אויסגעבען די געלד אויף אנדערע זאכען און וועט נאכמאל קומען צו איהם בעטען געלד.

דאס זענען געווען די הויפט פונקטען, וועלכע די פערטהיידיגונג האט ארויסגעבראכט פון נערליכען.

קאנטי קראון אטארני גריער האט איהם גענומען אויף א שטרענגען קרייץ פערהער. דורך דער צייט פון דעם קרייץ פערהער האט נערליך צוגעגעבען, אז ער איז געווען איינער פון דער קאמיטע, וועלכע האט זיך דא געגרינדעט, ווען די מלחמה איז אויסגעבראכען צו העלפען די היגע דייטשע און עסטרייכער צו קריגען ארבייט. ביי ווידערשפרעכונגען האט ער איהם אבער ניט געכאפט.

ווען די פערטהיידיגונג האט געשלאסען די קייס, איז שוין געווען גאנץ שפעט און מען האט אלע געדענקט, אז דער קאורט וועט זיך שליסען ביז היינט אין דער פריה.

דזשאדזש סאטערלאנד האט אבער ערקלעהרט, אז ער וועט זיצען ביינאכט אויך, ביז די פערטהיידיגונג און די אנקלאגע וועלען האלטען זייערע רעדען צו דער דזשורי.

דער ערשטער צו אדרעסירען די דזשורי איז געווען די פערטהיידיגונג.

מר. העלמוט האט בעקומען דער ערשטער דאס ווארט. ער האט גערעדט שארף און שטארק. ער איז אן אויסגעצייכנעטער רעדנער.

אין זיין רעדע האט ער אפעלירט צו דער דזשורי, זיי זאלען זיין אונפארטייאיש.

,,עס וואלט געווען א פערברעכען פון אייך איהר זאלט ניט זיין קיין פאטריאטען, האט ער צווישען אנדערעס געזאגט, אבער ווען איהר דען לאזען היינגען א מענשען דערפאר, וואס ער האט געגעבען אן אנדער מענשען א מאלצייט פאר 50 סענט, איז דען דאס א פערברעכען? און ווי וואלט געווען דער פאל ווען איינער וואלט געגעבען דעם צווייטען א 25 סענטיגען מאלצייט, וואלט ער בעקומען א קלענערע שטראף איידער היינגען׳׳.

ער האט אויך פענאנדערגעגלידערט אלע בעווייזע, וועלכע זענען געבראכט געווארען פון דער אנקלאגע און האט בעוויזען, אז זיי האבען גארנישט בעוויזען.

קראון אטארני מייקעל האט געהאלטען די רעדע פאר דער אנקלאגע.

ער איז אויך א שטארקער רעדנער. געלאסען און מיט א קלאהרער שטימע האט ער אנגעוויזען דעם פערברעכען אין וועלכען נערליך ווערט בעשולדיגט און ווי ווייט די קראון האט עס בעוויזען. ער האט פון דער דזשורי געפאדערט א ווערדיקט פון שולדיג.

דזשאדזש סאטערלאנד האט דאן געשלאסען דעם קאורט און היינט אין דער פריה וועט ער אליין אדרעסירען די דזשורי.

טאראנטא בעציערט מיט רויזען

א האלבער מיליאן רויזען פערקויפט אין איין טאג. — די הכנסה געהט פאר די ארימע קינדער.

נעכטען איז אפילו געווען א גאנץ קיהלער טאג, ווייט ניט ווי עס פאסט פאר א יוני־טאג, אבער אז עס איז פריהלינג אויף דער וועלט האט מען דאס מאל דערקענט דורך אן אנדערען סימן: דורך די רויזען וואס יעדער מאן האט געטראגען אין לאץ, און יעדע פרוי חנ׳עווידיג צוגעשפילעט אויף דעם וויסטעל.

און ניט נאר מענשען האבען געטראגען רויזען, נור אויך להבדיל חיות. איבערהויפט יעדע זאך וואס בעוועגט זיך, דאס מיינט אויך אויטאמאבילס.

עס איז געווען הימעל און ערד אין בלומען.

עס איז געווען שעהן צו זעהן.

אויף אלע גאסען זיינען געשטאנען יונגע מיידלאך מיט ווייסע לענטעס איבער דעם האלדז ארויפגעשלאגען, אויף וועלכען עס האט געהאנגען א בלומען־קוישעל מיט רויזען. אויף דער לענטע איז געווען אויפגעשריבען מיט גאלדענע בוכשטאבען: אלעקסאנדרא־טאג.

אין דער האנד האט יעדע פריילין געהאלטען א שעהן פושקעלע פאר די קויפער אריינצוווארפען זייערע מטבעות. און די מיידלאך האבען מיט א ליעבליך שמייכעל אבגעשטעלט יעדען פערבייגעהער מאן אדער פרוי און פארגעשלאגען א רויז.

,,קויפט א רויז! — קויפט א רויז און העלפט די קינדער. קויפט א רויז!׳׳

זעהר ווייניג האבען אבגעזאגט. וועלכער מאן וועט עס זיין אזוי שלעכט אזוי ניט ריטעריש אפצוזאגען א שעהנע פריילין וואס בעט איהם אן מיט אזא ליעבען שמייכעל צו קויפען א רויז? ווער האט עס דאס הארץ? בפרט ווען דאס געלד, וואס דו גיסט, געהט אויף אזא נאבעלער זאך ווי העלפען קינדער?

האט מען טאקי געקויפט. איז דער פדיון געווען גרויס.

האבען ד מיידלאך פון די ערשטע גרויסע ערפאלגען, וואס זיי האבען אין דער פריה געקראגען נאך מעהר מוטה בעקומען און האבען מיט מעהר פליים גענומען זיך פאר דער ארבייט.

— קויפט א רויז — ווארום האט איהר נאך ניט קיין רויז,

האט מען געקויפט: האט זי אליין אפט מיט איהרע אייגענע הענד אריינגעשטעקט די רויז אין לאץ, זי אליין און דאן א זיסען גוט־הארציגען ,,דאנק׳׳ נאכגעזאגט בעגלייטענדיג דעם קויפער מיט א גוטמוטהיגען בליק, ווי איינער רעדט:

,,ביזט א גוטער בירגער, האסט געטהאן דיין פליכט׳׳.

האט איינער אבער ניט געקויפט, כאטש דאס האט זעלטען געטראפען, אבער געטראפען האט עס, האט די פערקויפערין ארונטערגעלאזט דאס קעפיל און ארויפגעצויגען א ברוגז׳ע מינע:

— וואס הייסט ניט קויפען ווען א פריילין איז די פערקויפערין? אי, פע, וואו זיינען ערגעץ מאניערען.

שטארק צום הארצען האט זי זיך זעהט אויס, ניט גענומען.

ראשית, ווייל יעדע מינוט איז געווען אן עבירה, די צייט איז קורץ, און לאצען זיינען דא אזוי פיעל, אזוי פיעל! מען דארף נור זיין געשווינד און צולויפען און דאס געלד־פושקעלע ווערט שווערער און די ארימע ,,קידדים׳׳ קריגען צו נאך א ביסעל קליין געלד.

והשנית, אפילו ווען א בחור א כוואט האט זיך אויסגעדרעהט פון איינערס האנד איז ער סוף־סוף ארײנגעפאלען צו אן אנדערער אין דער האנד.

און קויפען האט ער געמוזט, ווייל נאך מיטאג שטונדע איז פשוט שוין געווען א בזיון צו געהן אין גאס אהן א בלום אין דעם לאץ.

דאס וואלט זיין אזוי ווי איינער וואלט זיך אנטהאן א גלאק, און נעהמען קלינגען איבער דער גאס און ארויסרופען:

— איך בין א קארגער, איך האב ניט געוואלט קויפען קיין בלום. —

היינט וועלכער מענש, ווען ער זאל זיין ווי קארג, וועט טהאן אזא נארישקייט און צוליעב א ניקעל לאזען וויסען דער וועלט, אז זיין, פון געבוירען אן צוגעמאכטע האנד איז געבליבען ביז איצט פערמאכט? ווער וועט עס טהאן?

האט טאקי יעדער געקויפט. מענשען געהען ארויף מענשען געהען אראפ, ווער עס געהט אין מזרח, ווער עס געהט קיין מערב ווער קיין צפון, ווער קיין דרום, ווער עס שפאצירט צוליעב וואוילטאג, און ווער עס לויפט צוליעב געשעפט, מענער און פרויען יונג און אלט, אלע, אלע בעציערט מיט רויזען, אפילו קינדער האבען אויך געטראגען צוגעשפילעט בלומען אויף זייערע סוטעלאך.

עס איז געווען שעהן צו זעהן ווי קליינע שרעטעלאך פליעגען צולויפען צו די פערקויפערינס מיט גלענצינגע אויגעלאך אויספליסטערענדיג:

,,איך וויל א רויז!׳׳

און דער לאנגען די מטבע מיט א שיינענדיג פנימ׳על.

געכאפט די בלום איז דאס קינד אוועק ווייזען די מציאה דער מאמען.

פיעלע קינדער, וואס זיינען געווען אויף דער גאס אין דער בעגלייטונג פון דער מוטער, האבען ביי דער מוטער געפאדערט געלד אויף א רויז.

האט די מאמע שכל געהאט און גלייך געגעבען, איז געווען ששון ושמחה, אלא ניט — איז זיך אפגעשטעלט אויף דעם פלאץ, די אויגעלאך מיט טרעהרען איבערפולט; — קויף מיר א בלום!

און אויסגעפיהרט האט געוויינליך דאס קינד.

אבער ניט נור מענשען זיינען געווען אין די בלומען בעציערט, נור אויך דעם מענשענס קנעכט און פריינד — די פערד און היינט האבען דאס מאל אויך געוואוסט פון יום טוב, פון דעם יום־טוב פון בלומען, וואס טאראנטא האט נעכטען געפייערט, און גלייך מיט מענשען זיינען געווען בעציערט מיט רויזען.

עס איז ניט געווען קיין זעלטענהייט צו בעמערקען א פערד איינגעשפאנט אין וואגען ווי אלע טאג פון א גאנץ יאהר די לייצעס האט אויך דאס מאל געהאלטען דער ליעבער מענש, דער קעניג פון דער וועלט, אבער ביי דער נאז האט דאס מאל ביי איהם, ביים פערד הייסט עס ניט ביים אנטרייבער, ווייל ער האט זיין רויז געטראגען אין לאץ אלזא איבער דער נאז פון פערד האט געהאנגען א רויז. דאס פערד האט געדרעהט מיט דעם קאפ, אפשר דערפאר, ווייל זי האט איהם געקיצעלט, אבער אויסגעזעהן האט עס ווי ער וואלט שטאלצירען מיט זיין נייער צאצקע.

אויך הינטעלאך האבען געטראגען בלומען, און עס האט זיך זיי אויף נאמנות אויך גאנץ שעהן געפאסט.

אנגעהויבען צו פערקויפען האבען די מיידלאך גאנץ פריה, ווען טאראנטא האט זיך אויפגעכאפט ווי איהר סדר איז, זיך אויסגעגעצט און געלאזט זיך געהן אין גאס, ווער צו דער ארבייט, און ווער צו געשעפט האבען זיי דעם ערשטען גוט־מארגען געקראגען פון די מיידלאך מיט בלומען־קוישעלעך אויפגעהאנגען אויף דעם האלז און מיט דער אויפפאדערונג צו קויפען רויזען צו העלפען די קינדער.

בעטראכט די מיידלאך אין זייער נייער פערפוצונג, האט טאראנטא גענומען קויפען רויזען.

איינינע מיידלאך זיינען אבער ניט געווען צופריעדען צו ווארטען אויף זייערע קונים ביז זיי וועלען קומען אויף דער גאס און זיי האבען זיך געלאזט איבער די הייזער.

אין די מייסטע פלעצער האבען זיי געקראגען א ווארימען קבלת־פנים און מען האט שוין ליידיג ניט געלאזט ארויסגעהן, ווער מעהר ווער ווייניגער.

די קאמיטעס האבען אבער אויך געהאט צו דערצעהלען פון פיעל ארמוטה און רחקות, וואס זיי האבען געטראפען אין איינינע הייזער.

איינינע פון די קאמיטעס האבען עס געמאכט פאר זייער ספעציאליטעט צו בעזארגען די פאסאזשירען אין דער קאר מיט רויזען.

האט זיך אפגעשטעלט א קאר, זיי זיינען שוין דא, די שעהנע פערקויפערינס און לויפען ארום פון באנק צו באנק און שלאגען פאר די סחורה און געלד פליהט אין פושקעלע.

די קאנדוקטארען אזוי ווייט ווי מעגליך האבען אויפגעהאלטען די קארס ביי די ,,סטאפס׳׳ אביסעל לענגער, כדי צו געבען די פערקויפערינס א געלעגענהייט אנצוגעהן מיט דעם מסחר.

די פערקויפערינס האבען דעם אידישען קווארטאל ניט פערשעהמט, זייערע קאמיטעען זיינען געשטאנען אין אלע גאסען און האבען געמאכט גוטע געשעפטען.

אידען זיינען פון שטענדיג אן בעקאנט פאר געבער, און זיי זיינען געבליבען געטריי זייער נאטור אויך דאס מאל.

יונגע לייט, עלטערע אידען מיט בערד, יונגע ווייבלעך און ווייבער מיט פארוקען, האבען געקויפט רויזען אזוי ווי, למשל, מען קויפט איין נייע פרות אויף א יום־טוב, כדי צו קענען מאכען א שהחיינו.

וויפיעל דער פערקויף האט אריינגעטראגען, ווייס מען נאך ניט, מען רעכענט אבער אז ער האט אריינגעבראכט א גאנץ שעהנע סומע.

די רויזען זיינען געמאכט געווארען פון די בלינדע קינדער אין ענגלאנד.

דאס געלד וואס די רויזען האבען געקאסט געהט צוריק נאך ענגלאנד און דער פראפיט ווערט דא פערטהיילט אונטער פערשיעדענע צדקה אנשטאלטען.

קאנטאר ב. וואלאראווסקי וועט דאווענען מארגען מיט זיין כאר שחרית און מוסף.

פרענקס האפענונגען אויף בעגנאדיגונג זענען גאנץ שוואכע

אטלאנטא, דזשארדזשיא, יוני, 10.

לעא מ. פרענק, וועמענס אפיעל די פריזאן קאמישאן האט נעכטען צוריקגעוויזען, וועט ווארשיינליך שטארבען אויף דער תליה דעם 22־טען יוני.

זיינע האפענונגען, אז גאווערנאר סלייטאן וועט איהם בעגנאדיגען זענען גאנץ שוואכע, ווייל פון תמיד אן איז עס א מנהג פונ׳ם דזשארדזשיער סטייט, אז דער גאווערנאר האנדעלט לויט דעם רעפארט פון דער קאמישאן.

דער בעריכט פון דער קאמישאן, וועלכער איז נעכטען בעקאנט געווארען איז געקומען ווי אן איבערראשונג. קיינער סיי פריינד אדער שונאים האבען זיך ניט גערעכנט אויף אזא ענטשיידונג. אפילו די ביטערסטע שונאים פון פראנק׳ן האבען ערווארטעט אז ווייניגסטענס צוויי קאמישאנערס וועלען זיין פאר בעגנאדיגונג.

אנשטאט דעם זענען אבער די צוויי קאמישאנערס רייני און דייוויסאן געווען פאר טויט שטראף, בלויז אנדערסאן איז געווען פאר בעגנאדיגונג.

פרענקס קייס, וועט ווארשיינליך זיין די לעצטע, וואס גאווערנאר סלייטאן וועט בעטראכטען, ווייל דעם 26־טען געהט שוין דער נייער גאווערנאר אריין אין אמט.

גלייך נאך דעם ווי עס איז בעקאנט געווארען דער בעשלוס פון דער באארד האבען פרענקס לאיערס זיך געזעהן מיט׳ן גאווערנאר און געבעטען ביי איהם א הירינג, ביי וועלכער זיי וועלען פארלעגען זייערע ארגומענטען פאר וואס פרענק דארף בעגנאדיגט ווערען.

זיי וועלען אויך צושטעלען די אריבער א מיליאן פעטיציעס, וועלכע בעטען פאר פרענק׳ן.

סאליסיטאר דארסי, פרענקס אנקלאגער, האט אויך מיטגעטהיילט, אז אבוואהל ער איז ניט אויפגעטראטען פאר דער קאמישאן, וועט ער אבער ערשיינען ביי דער הירינג, און וועט בעקעמפפען פרענקס בעגנאדיגונג.

גאווערנאר סלייטאן האט היינט ערהאלטען אריבער דריי טויזענד בריעף, וועלכע בעטען אז ער זאל בעגנאדיגען פרענק׳ן.

די בריעף זענען צוגעשיקט געווארען דורך פיעלע יונייטעד סטייטס סענאטארען, און עקס אמבאסאדאר הערים.

די פרענק קייס האט אויך געצייגט א נייעם פאל.

אמאהל האט מען גערעכנט, פאר ניט פאסיג אז א גאווערנאר פון איין סטייט זאל זיך ווענדען מיט א ביטע וועגען בעגנאדיגונג צו א צווייטען גאווערנאר.

דיעזער מנהג איז אבער ניט געאכטעט געווארען און פאר פרענק׳ן האבען געבעטען די גאווערנארס פון פענסילווייניע, וועסט ווירדזשיניא, מישיגען און לואיזיאנא.

וואס איז דער אונטערשיעד?

צוויי ביזנעסלייט אין דער זעלבער ליין

איינער ווערט פון טאג צו טאג רייכער און דער צווייטער — שטעהט אויף אן ארט און מוטשעט זיך.

דער ערשטער אדווערטייזט, און דער צווייטער ניט

דער ערשטער ווערט ניט מיעד דערציילענדיג יעדען אז ער האט עפעס צו פערקויפען, און דער צווייטער האלט עס בסוד, און שפאר'ט א פאר סענט, און האט ניט קיין קונים און ניט קיין געלד...

קלוגע סוחרים האלטען אין איין אדווערטייזען, זיי ווערען גאר ניט מיעד

ווער עס וויים דעם סוד און אדווערטייזט, מוז סוף כל סוף זיין ביזנעס ארויפארבייטען.

קומט אין אפיס

פון

,,אידישען זשורנאל''

און אדווערטייזט:

אז איהר האט סחורה צו פערקויפען,

אז איהר פאבריצירט א געוויסען ארטיקעל

אז איהר קויפט געוויסע סחורה

אז איהר דארפט ארבייטער

אז איהר זוכט ארבייט

אז איהר ווילט אייערע רומס פערענטען

אז איהר זוכט רומס

קורץ פעהיגע סוחרים אדווערטייזען און האבען הצלחה

קוירנעל לענגטאן ווידער רעקאמענדירט אלס פייער טשיעף

צום דריטען מאל איז נעכטען רעקאמענדירט געווארען קוירנעל לענגטאן אלס פייער טשיעף.

ווי בעוואוסט האט די באארד אף קאנטראל שוין צוויי מאל איהם רעקאמענדירט, און ביידע מאל האט איהם דער סיטי קאנסיל צוריקגעוויזען.

ביים נעכטיגען מיטינג פון דער באארד אף קאנטראל ווען די פראגע איז ווידער ארויפגעקומען האט קאנטראלער אניעל געמאכט א פארשלאג, אז קוירנעל לענגטאן זאל אפיאנטעט ווערען אלס פייער טשיעף.

נאך א קורצער דיסקוסיאן האבען די קאנטראלערס, אניעל, ספענס און טהאמסאן געוואוט פאר'ן קוירנעל און דער סיטי מעיאר מיט'ן קאנטראלער פאסטער האבען געוואוט פאר דעם יעצטיגען עקטינג פייער טשיעף סמיטה.

צו דער קאנסיל וועט דעם מאל אננעהמען די רעקאמענדיישאן פון דער באארד אף קאנטראל איז זעהר שווער פאראויסצוזאגען, ווייל די אלדערמען זענען איבער דער פראגע צוטהיילט אין פערשיעדענע גרופען, אנדערע ווילען א פייער קאמישאנער און אנדערע ווילען א פייער קאמישאן באארד, וועלכע זאל בעשטעהן פון דריי קאמישאנערס.

די פראגע וועט קומען אין קאנסיל דעם קומענדען מאנטאג.

די באארד אף קאנטראל האט אויך בעשלאסען גוטצוהייסען דעם רעפארט פון דעם פייער בענעפיט פאנד, וועלכער רעקאמענדירט דאס דער עקס פייער טשיעף טהאמסאן, וועלכער האט רעזיגנירט זאל בעקומען 2.250 דאלאר א יאהר ביז ער וועט לעבען און דער עקס עקטינג טשיעף נאבעל זאל בעקומען 1.650 דאלאר א יאהר.

דאס איז בעשלאסען געווארען מיט דריי שטימען דאפיר און צוויי דאגעגען.

זון ארעסטירט פאר שלאגען זיין מוטער

דער צווייטער אקט פון דער טראגעדיע, וועלכע האט זיך דיזע וואך אבגעשפיעלט אין 61 ראבערט סטריט, וואו ראבערט גרעהם האט זיך גענומען דאס לעבען דערפאר, וואס זיין ווייב האט איהם פערקלאגט אין קינדער געריכט, אז ער בענוצט זיך מיט ניט קיין שעהנע שפראך אין דער אנוועזנהייט פון זיינע קליינע קינדער. איהם האט עס אזוי פערדראסען, אז ער איז געקומען פון קאורט אהיים און האט זיך פערסמט מיט גאז.

די זאך האט זיך אלבערט גרעהם גענומען שטארק צום הארצען. אלבערט האט גע'טענה'ט, אז די מוטער איז שולדיג אין דעם טויט פון זיין פאטער. עס איז אוועק אזוי ווייט, אז ער האט גענומען שלאגען זיין מוטער דערפאר, בעשולדיגענדיג זי אין דעם פאטערס טויט.

די מוטער האט געלאזט ארעסטירען איהר זוהן פאר דעם, וואס ער האט זי געשלאגען, און נעכטען אין דער פריה איז ער פארגעבראכט געווארען פאר מעדזשיסטריט קינגספארד.

אזוי ווי דער קראון אטארני איז נאך ניט געווען פארטיג אנצוגעהן מיט דער קיים, האט עס דער מעדזשיסטרייט אבגעלעגט די טרייעל פאר א וואך.

אלבערט האט געבעטען דעם דזשאדזש מען זאל איהם ארויסלאזען אויף בייל.

,,וועסטו ניט געהן מעהר אין דיין מאמעס הויז און שלאגען זי?'' האט דער קראון אטארני געפרעגט.

,,איך וויל זעהען מיין טויטען פאטער!'' האט אלבערט געזאגט.

,,וועסטו איהם קענען זעהען ביים אנדערטיקער, אבער ניט אין דער היים'' האט איהם דער קראון אטארני געענטפערט.

אלבערט האט צוגעזאגט אז ער וועט ניט געהן צו זיין מאמען, און מען האט איהם ארויסגעלאזען אונטער 400 דאלאר בייל.

שקלאף פערמשפט צו א יאהר דזשייל

עדווארד וו"הילער א יונגער באי פון א גאנץ שעהנער היגער פאמיליע איז נעכטען אין דער פריה פארגעבראכט געווארען פאר מעדזשיסטרייט קינגספארד אויף דער קלאגע פון גנבה.

זיין פערברעכען בעשטעהט אין דעם וואס ער פלעגט אריינגעהן אין פערשיעדענע דראג-סטארס און בעטען צו נוצען דעם טעלעפאן. ווען מען פלעגט עס איהם ערלויבען און דער דראגיסט פלעגט זיך נאר אבקעהרען, פלעגט ער צוגנבענען הערואין.

דאס איז א הערוין פרעסער, האט דער קראון אטארני געזאגט צום דזשאדזש, זיין פאמיליע האט געטהאן אלעס אין זייער מעגליכקייט איהם אויסצוקורירען פון דעם, אבער עס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען.

אויפ'ן יונגען באי האט זיך טאקע אנגעזעהען, אז ער בענוצט זיך מיט דעם שרעקליכען גיפט. מען זעהט אז דאס איז א צובראכענער שארבען, וועלכער קען זיך קוים האלטען אויף זיינע פיס.

דער דזשאדזש האט איהם פערמשפט צו איין יאהר אין דער גוועלף רעפארמאטערי און דאן אינדעפיניט.

זיין פאמיליע איז גאר אין קאורט ניט געקומען.

די איטאליענער געווינען נעהמען און פערכאפען

וועראנא, איטאליען, יוני 10.

דאס איטאליענישע מיליטער וועלכע שטויסען זיך קיין עסטרייך דורך דעם ארסא טהאל צו ראווערעטא, אין דרום זייט פון טרענט, האבען אויסגעפונען דאס די עסטרייכער האבען פערלאזען די פעסטונג פאסאקיא, צוויי מייל פון מאטאססאנע. די פעסטונג פאסאקיא איז געווען גערעכענט פאר איינער פון די שטארקסטע עסטרייכער פעסטונג אין יענעם געגענד. זי איז געווען פערוארגט מיט שווערע הארמאטען, וועלכע מען האט ווארשיינליך געבראכט פון גאליציען. די עסטרייכער האבען צושטערט די פעסטונגען איידער זיי האבען זיי פערלאזען.

אודינע, איטאליען, יוני 10.

די עסטרייכער האבען פערזוכט צו פערפלייצען דעם ניעדריגען געגענד פון טייך איסאנדזא פונקט ווי די עלייעס האבען געטהון אין בעלגיאום, מיט'ן צוועק צו שטערען דעם מארש פון די איטאליענער. דער רעזולטאט איז אבער געווען אונבעדייטענד, ווייל ענטוועדער די ערד האט דאס וואסער איינגענומען, אדער עס איז אבגעלאפען.

יערענפאלס, עס האט ניט געשטערט די איטאליענער אין זייער וועג אויף עסטרייך.

רוים, יוני, 10.

איטאליענישע טרופען האבען געהאט א זעהר וויכטיגען נצחון. זיי האבען נעמליך אין דער שלאכט, וואס געהט אן ביי דעם איסאנדזא טייך פערכאפט דעם אייזענבאהן צענטער פון מאנפאלקאנע, ניט ווייט פון אדריאטישען ים. עס ווערט מיט יעדער מינוט ערווארטעט דעם פאל פון גאריטץ די הויפט שטאדט פון דער עסטרייכער גאריטצער פראווינץ.

מאנפאלקאנע איז בלויז 16 מייל צפון מערב פון טריעסט.

ארום מאנטע נערא האבען די איטאליענער נאך א שטארקער אטאקע פערכאפט פאזיציאנען נאכדעם ווי די עסטרייכער זיינען אנטלאפען איבערלאזענדיג 100 קערפער וועלכע די איטאליענער האבען מקבר געווען, צוויי און זעכציג פערוואונדעטע און 70 באסניער סאלדאטען האבען זיך אונטערגעגעבען.

1100 סטרייקען צו ליעב עסטרייכער און דייטשען

פערניע, בריטיש קאלאמביא, יוני, 10.

עלף הונדערט מיינערס וועלכע ארבייטען אין די מינען פון קאול קריק האבען נעכטען זיך ענטזאגט צו ארבייטען צוזאמען מיט די עסטרייכער און דייטשען וואס ארבייטען מיט זיי.

די קאמפאניע האט צוליעב דעם ערקלעהרט דעם טאג אלס א יום טוב כדי די ארבייטער זאלען האבען א מיטינג און די זאך גרינדליך בעהאנדלען.

די ארבייטער זיינען אבער צו קיין בעשטימטען בעשלוס ניט געקומען און זיי האבען היינט זיך ענטזאגט צו ארבייטען, אזוי אז מען קאן דאס אייגענטליך אנרופען א סטרייק.

דער הויפט אפיציר פון היגען מיליטער האט געקראגען אינסטרוקציאנען צו אינטערנירען אלע ניט נאטוראליזירטע סינגעל לייט און פערהייראטע וואס האבען נאך זייערע פרויען אין אייראפא, עסטרייכער און דייטשען, און די פאליציי איז איצט שטארק ביזי מיט'ן אויספאלגען דיעזען ארדער.

נאטיצען זיינען אויסגעהאנגען געווארען איבער דער גאנצער שטאדט, אין וועלכע מען ערזוכט פרעמדע זיי זאלען קומען ניט שפעטער ווי 4 אזייגער נאכמיטאג מיטבריינגענדיג מיט זיך קליידער און בעטגעוואנד.

מעהר ווי דריי הונדערט וועלען אויף אזא אופן אינטערנירט ווערען.

אין די מינען איז שטיל ווי אויף א בית עולם.

זיי ווילען שליסען שלום פאר זיך.

רוים, יוני, 10.

א גרויסען איינדרוק האט דא געמאכט אן ארטיקעל אין דער צייטונג ,,מעססאדזשערא'' אין וועלכען עס ווערט בעהאנדעלט די מעגליכקייט פון א באזונדערען שלום מיט אונגארן, וועלכע וויל פערלאזען עסטרייך און אויך שלום מיט טערקיי.

די דאזיגע ידיעה קומט פון א זיכערע אינפארמירטער קוועלע.

אין אונגארן ווערט געשמאק גערעדט פון שלום אהן עסטרייך. אין דיעזען פאל וועלען נאטירליך די עלייעס אויפגעבען זייערע אונטערהאנדלונגען מיט רומעניען. אונגארן וואלט אין אזא פאל געקראגען טראנסילוואניא און א חלק פון דעם אדריאטישען ים.

אויף אזא אופן וועט דאס וואס בולגאריען לעגט אב איהר בעשלוס וועגען אריינגעהן אין דער מלחמה טרייבען די עלייעס זיי זאלען אננעהמען מעגליכע פארשלעגע פון טערקיי פאר קאנסטאנטינאפאל.

אויב רומעניען און בולגאריען איילען זיך ניט צו און קומען ניט צו קיין בעשלוס טאקי שוין, קאן זיין אז זיי ריזיקירען מיט אלעס.

כאלערא בושעוועט טאקי אין וויען.

זשענעווא, שווייץ, יוני, 10.

עס קומען אהער אן ידיעות וואס בעשטעטיגען די פריהערדיגע בעריכטען אז די האלערא האט אבגעשטאט א בעזוך וויען. איין בעריכט רעדט פון 26 פעלע און אן אנדערער פון 46. איניגע טויטע פעלע ווערט אויך בעריכטעט.

מען גלויבט דאס די קראנקהייט איז פערשלעפט געווארען אהער פון גאליציען פון פערוואונדעטע סאלדאטען.

די שטאדט בעאמטע טהוען אלעס מעגליכעס צו שטערען דער קראנקהייט זי זאל זיך פערשפרייטען.

6409 דערטרונקענע.

לאנדאן, יוני, 10.

לויט א סטייטמענט וואס ט. דזש. מאקנאמארא, דער פינאנציעלער סעקרעטער פון דער אדמיראליטעט האט היינט געמאכט אין הויז אף קאממאנס איז דער סך הכל פון די לעבענס וואס זיינען פערלארען געגאנגען אויף די געזונקענע שיפען זייט די מלחמה האט אויסגעבראכען 6.409.

אידען צווישען די הייל‌אנדערס.

צום ניאגארא קעמפ, וועלען היינט פון דאנען אבפאהרען 50 הייל‌אנדערס, פונ'ם 48 טען רעגימענט.

אינטערעסאנט איז, אז צווישען די 50 געפינען זיך דריי אידען, פאלסטע, סכיטה און וויננאן.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און טעקאל סטריט.
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

דר. מ. פיווניק
דענטיסט
קאר. קווין סט און ספאדיינא עוו.
טעלעפאן אדעלייד 4067
בענק אף האמילטאן בילדינג
Dr. M. PIVNICK B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייוויס
פאבליק אדיטאר
אדיטינג, סיסטעמאטייזינג און אינוועסטיגיישאן.
350 קאלידזש סט. טאראנטא
טעלעפאן קאלידז 7632

טעלעפאן: אדעלייד 1408
ת. דזש. מעקדאנאלד
לאא אפיס
באריסטער, סאליסיטאר, נאטארי,
געלד צו פערליהען
ראבינס בילדינג
וויקטאריא און ריטשמאנד.

פ. ליווי
לייף, עקסידענט, פייער און
פלייט גלאס אינשורענס
טעלעפאן קאלעדזש 8101
81 St. Patrick St.

דר טוראפסקי
185 ספעדיינא עוו.
טעלעפאן אדעלייד 8224
אפיס שטונדען:
1 ביז 3 נאכמיטאג. 6 ביז 8 אבענדס

דייאנא סוויטס
,,די סטאר פון קוואליטעט''
די שעהנסטע און ראיעלסטע אייז קרים פארלאר אין טאראנטא
הייסע געטרענקע צו יעדער צייט.
דעם גרעסטען אויסוואהל פון אלערליי חיימיש געמאכטע טשאקאלאדעס און קענדיעס.
153 יאנג סטריט

סטאוס, ריפערינג, און פוירניסעס — צו בילינע פרייזען
מאפאט גאז און קוילען רענדזשעס
WESTWOOD BROTHERS
635 St. Queen W. Phone Adel. 1518

$50 לעהרע פאר $35
פאר'ן חודש דזשון. לערנט זיך דעם בארבער טריד און זייט זיכער מיט בעשעפטיגונג.
שרייבט פאר איינצעלהייטען: מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין סטריט איסט.
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

סעפערייט רום סיסטעם.
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס
368 ספעדיינא עוו טאראנטא אנט
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די בילינסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און נישיפט פון עקספערט לייט.
ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט. צוגעדעקטע וועגען. פלעזשור פליעפ.
ל. י. רעדפערן.

ריגען און לע ווערנוא
באריסטערס א. א. וו.
מעננינג טשעמבערס רום 112 ערשטער פלאר,, טעלעפאן עדלייד 2436
REGAN& LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע
ענע ראמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן עדעלייד 1543.

דענטיסט
דאקטאר וו. ה. קאלבארן
ספעציאליסט אין צייהנער ציהען
רום 601, קענט בילדינג
יאנג און ריטשמאנד סטריטס
טעלעפאן מיין 2149.
טאראנטא

די סאקסאן קא.
עסטייט און פינאנסעל בראוקערידזש
JOHN M. SKELTON
פרעזידענט און מענעדזשער
וועליואיישאן עקסטשיינדזשעס א. ז. וו.
80 לאמסדען בילדינג טעלעפאן עדעלייד 3107

פריוואטע און ביזנעס קארעספאנדענץ ווי אויך געזעצליכע דאקומענטען אין אללע שפראכען געמאכט ביי
The Canadian Translation Bureau
H. FEILMANN, Mgr.
קענט בילדינג, 156 יאנג סטריט. רום 211 —בילליגע פרייזען.—טעל. מ. 1546

י. ראזען
עקספערט עקקאונטענט און בוכקיפער
גיט לעססאנס אין בוכפיהרונג און מאכט איבערזעצונגען אין פערשיעדענע שפראכען נעהמט אן צו ארדנען ביכער פון סאסייעטיס ברייגנט אין ארדנונג די ערגסטע בוכפיהרונג סיי אידיש, סיי ענגליש
208 ראבערט סטריט
טעלעפאן מיין 4582.

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים ווייז אדער ביער, קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע
דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106
א פולער ליין פון כרמל ווין און ברענדי אין סטאק.
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

יעצט איז די צייט.
צו לערנען ענגליש, בוקקיפינג, שארטהענד, טייפרייטינג און אנדערע קאמערציעלע געגענשטענדע. ספעציעלע ראטען צו לעזער פון אידישען זשורנאל וואס וועלען אנפאנגען אין יאנואר.
ווענדעט זיך פאר איינצעלהייטען וואטסאנס ביזנעס סקוהל 442 יאנג סטריט
ט. מ. וואטסאן פרינס
15 יאהר עקספיריענס אין טאראנטא.

הארדוועיר און קאטלערי
דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, גאז פיקסטשורס, גאז מענטעלס און גלאובס. עלעקטריק פיקסטשורס [illegible] קאל-אויל היטערס, גלאז און [illegible] פיינטס און אוילס א. ז. וו.
G. H. IBBOTSON
343 באטהורסט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6242

כשר און ביליג און גוט
[illegible]
משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. 1559

איהר קענט בעקומען דעם זשורנאל אין די פאלגענדע פלעצער:
43 ענדרסאן סטריט
115 סענט פעטריק
68 בעלוויו פליים קארנער לעאנארד
51 ארטהור סטריט
223 סענט פעטריק סטריט.
789 קווין סט. וועסט.
261 פארלאמענט סט.
און אין זאקהיימס גראסערי 71 דאנדעס סטריט.

אדווערטייזט אין דעם ,,אידישען זשורנאל'' עס ברענגט רעזולטאטען.

די שעהנע רבקה

אַן אריגינעלער און שפּאַנענדער ראָמאַן פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד און קענעדע

געשריבען פאַר'ן „אידישען זשורנאַל״

פון ב. באַראַץ

(18־טע פאָרזעטצונג)

דערהערענדיג דעם רב'ס פּלאַן איז רב איסער אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און האָט אָנגעכאַפּט דעם רב פאַר'ן האַנד.

גאָט אַליין האָט אייך נור אריינגעגעבען אזא גוטען געדאַנק אין קאָפּ. איהר האָט מיין קינד געראַטעוועט, איך וועל אייך אויביג דאַנקבאַר זיין פאַר דאָס וואָס איהר האָט פאַר מיר געטהאָן.

זייט ניט צו איבעראיילט רב איסער האָט איהם דער רב אביסעל בערוהיגט, דערווייל האָבען מיר נאָך דעם פּלאַן ניט אויסגעפיהרט, און מען קען ניט וויסען פריהער וואָס שפּעטער וועט זיין. איהר בעסער געהט אהיים און טהוט וואָס איך האָב אייך געהייסען און גאָט וועט העלפען.

איך פיהל רבי אז אייער פּלאַן וועט העלפען. איך האָב גאָר ניט געקענט פאַלען אויף אזא שכל. אזא זאַך איז מיר גאָר אויף די געדאַנקען ניט געקומען.

נו געהט אהיים רב איסער און זייט נאָר גוט פאָרזיכטיג ווייל דער פּלאַן איז נאָך ניט דורכגעפיהרט.

רב איסער מיט'ן רב האָבען נאָך אמאָהל איבערגערעדט וועגען דעם וויא אזוי מען זאָל נאָכמאַכען א בריעף און וויזען דאָס סאָניטשקאַן. זיי האָבען אויך איבערגערעדט צווישען זיך אַלע איינצעלהייטען ווי אזוי מען זאָל דאָס אָנזאָגען סאָניטשקאַן און דאַן איז רב איסער מיט א שטראַהלענדען פּנים אוועק אהיים.

אין דער היים האָט רב איסער געפונען סאָניטשקאַן פערברענגענדיג מיט די שטובּיגע מענשען, פאַר דער צייט וואָס סאָניטשקא איז דאָרט געוועזען האָבען זיי זיך אזוי גוט בעפריינדעט אז סאָניטשקא האָט זיך מעהר דאָרט ניט געפיהלט ווי א פרעמדע, נור טאַקי ווי אן אייגענע, צוזאַמען מיט דער דזשאָזעף פאַמיליע ביי וועמען זי מיט איהר פאָטער זיינען געווען שכנים האָבען זיי גאַנץ גוט פערבראַכט פּלעגען געהן אין טהעאַטערע צו בעלער, און אין אַנדערע אַמיוזמענט פּלעצער.

די שפּראַך איז פאַר סאָניטשקאַן ניט שווער געווען צו פערשטעהן, פערקעהרט זי האָט עס בעסער געקענט איידער די אַנדערע שטובּיגע מענשען. זי האָט גאַנץ גוט געקענט פראַנצויזיש און אין מאָנטרעאַל בענוצט מען זיך מיט פראַנצויזיש פונקט ווי מיט ענגליש. ענגליש האָט זי אויך פערשטאַנען אביסעל, און זי פּלעגט זיך קענען גאַנץ פריי צוזאַמענריידען מיט די יונגע קינדער פון די דזשאָזעפס וועלכע זיינען געווען קענעדער געבאָרענע.

ווען סאָניטשקא האָט דערזעהען אז רב איסער איז געקומען איז זי אריין צו איהם אין צימער.

וואָס הערט זיך טאַטע? האָט סאָניטשקא אָנגעפאַנגען, וואו האַלסטו עפּעס מיט דיינע געשעפטען?

איך בין ערשט געווען ביים היגען רב האָט רב איסער געענטפערט. ער איז זעהר א גוטער און וועהלער איד. ער האָט פאַר א נאָטאַריוס בעשטעטיגט אז דאָס בין איך דער מאַן ווייל דו דאַרפסט דאָך פערשטעהן מיין קינד אז איך בין דאָ אין א שטאָדט וואו קיינער קען מיך ניט, איז דער רב געווען פאַר מיר א גרויסע הילפע און איך האָף טאַקי אז אין גיכען וועל איך קענען די געלד בעקומען און מיר וועלען קענען אהיים פאָהרען.

הלואי טאַטינקע, זאָלען מיר שוין באַלד קענען פאָהרען אהיים, איך בענק אזוי... סאָניטשקא האָט זיך באַלד פערכאַפּט זי האָט זיך געשעהמט פאַר'ן טאַטען צו זאָגען אז זי בענקט שוין נאָך איהר קינד און וויל שוין פאָהרען אהין. זי האָט געפיהלט אז מיט דעם פערשאַפט זי שמערצען איהר פאָטער. זי האָט דעריבער פערקעהרט דעם געשפּרעך אָן א זייט און האָט געזאָגט.

כאָטש איך גלייך זעהר שטאַרק דאָס לאַנד פון דעסטוועגען איז עפּעס אין רוסלאַנד פיעל בעסער, אָבער ווי פאַר וועמען. א מענש וועלכער האָט דאָרטען קיינעם ניט אינטערעסירט איהם רוסלאַנד גאָר ניט.

סאָניטשקא האָט דערפיהלט אז זי האָט אָנגעריהרט איהר טאַטענס אַלטע וואונד.

הער נור סאָניטשקא האָט רב איסער פאָרטגעזעצט, שרייב בעסער אָן א בריעף צו חאַשען און שרייב איהר אונזער אַדרעס מיר זאָלען וויסען וואָס זי מאַכט. פריהער האָבען מיר איהר ניט געשריבען אונזער אדרעס ווייל מיר האָבען ניט געוואוסט וואו מיר וועלען זיך אָבשטעלען, אָבער אזוי ווי מיר זיינען יעצט דאָ און עס קען נאָך נעהמען א לענגערע צייט וואָלט געווען גוט מיר זאָלען פון איהר הערען וואָס זי מאַכט.

סאָניטשקא האָט זיך דערפרעהט. זי האָט נאָך פריהער געטראַכט צו שרייבען חאַשען א בריעף און בעטען זי, אז זי זאָל איהר שרייבען וואָס עס מאַכט איהר קינד, אָבער זי האָט זיך אַליין אָבגעהאַלטען רעכענענדיג אז אָט באַלד, באַלד פאָהרען זיי אהיים און קיין ענטפער וועט זיי שוין ניט טרעפען פון דעם פּלאַץ פון וועלכען זי שרייבט. אָבער יעצט ווען רב איסער האָט עס איהר געהייסען טהאָן איז זי זעהר צופריעדען. זי האָט זיך גלייך געזעצט שרייבען א בריעף צו חאַשען. זי האָט ניט געשריבען דירעקט. זי זאָל איהם געהן אריינוואַרפען אין קעסטעל. קינד, נור זי האָט אויף דעם אָנגעדייטעט אזוי פערבייגעהענדיג.

זאָל איך איהר שרייבען אונזער אדרעס פון דאַנען צו זאָל איך שרייבען אויף דעם אדרעס פון דער פּאָסט. האָט סאָניטשקא געפרעגט.

אויף דעם אדרעס וואָלט איך ניט וועלען דו זאָלסט שרייבען, האָט רב איסער געזאָגט, ווייל איך האָב זי געזאָגט אז מיר האָבען קיינעם ניט אין רוסלאַנד און עס וועט זיין ניט שעהן אז אונז וועט פּלוצלונג אָנקומען א בריעף פון רוסלאַנד, אויף דער פּאָסט טויג אויך ניט, ווייל טאָמער פאָהרען מיר דערווייל אוועק וועט דער בריעף פערפאַלען געהן. איך וואָלט דיר דעריבער געהייסען שרייבען אויף דעם אדרעס פון דעם רב, ער איז זעהר א ליבעראַלער מענש און אז א בריעף וועט אָנקומען פון חאַשען און מיר וועלען דאָ ניט זיין וועט ער עס אונז אָבשיקען צום פּלאַץ וואוהין מיר וועלען איהם אָנזאָגען איידער מיר וועלען אָבפאָהרען פון דאַנען.

סאָניטשקא האָט אויך צוגעגעבען אז איהר פאָטער האָט רעכט און זי האָט טאַקי אָנגעשריבען דעם רבס אדרעס, וועלכער האָט געוואוינט אויף סט. לאָרענס סטריט.

רב איסער האָט גענומען דעם בריעף וועלכען סאָניטשקא האָט געשריבען און האָט איהם אפילו ניט געלעזען, נאָר ער האָט צוגעשריבען עטליכע ווערטער, וועלכע האָבען זיך געלעזען.

חאַשע!

איך וואָלט דיך בעטען דו זאָלסט מיר שרייבען צו דו האָסט ערהאַלטען די געלד וועלכע איך האָב דיר געשיקט ביידע מאָהל שרייב מיר אויך אויס פון אַלעם וואָס דו טהוסט, צו דו ביסט אויף א שטעלע אין ערגעץ אָדער ניט, שרייב מיר אויך אויס פון אַלעמען, און שרייב מיר אויב דו דאַרפסט נאָך האָבען געלד וועל איך דיר שיקען.

זיי געזונד פון מיר.

איסער רייכמאַן.

ער האָט דעם בריעף צוריק אָבגעגעבען סאָניטשקאַן און האָט איהר געהייסען איהם געהן אריינוואַרפען אין יאַסטשיק. סאָניטשקא האָט עס געטהאָן מיט שמחה. זי איז גלייך אוועק. ווען זי איז ארויס פון הויז האָט זיך רבי איסער אוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבען א בריעף צו זיינעם אַן אַלטען פריינד אין דער שטעדטעל וואו חאַשע מיט סאָניטשקאס קינד האָבען זיך געפונען. ער האָט איהם אויסגעשריבען וועגען זיין רייזע וועלכע ער האָט אונטערנומען, ער האָט איהם גאָר ניט געשריבען וועגען סאָניטשקאַן און איהר קינד. ער האָט איהם בלויז געשריבען וועגען געשעפט. ער האָט איהם געשריבען אז אין די לענדער איז סחורה פיעל ביליגער איידער אין רוסלאַנד און א מענש וועלכער וויל פערדיענען געלד זאָל נור האַנדלען מיט אויסלאַנד. ער האָט איהם אויך געבעטען ער זאָל איהם ענטפערען א בריעף און אויסשרייבען ווי אזוי עס האַלט עפּעס מיט תבואה און ווי עס האַלט דער מקח פון סקאַט. ער האָט איהם אויך אויסגעשריבען די פערשיעדענע מקחים פון אויסלאַנד.

ער האָט פערקלעפּט דעם בריעף און האָט עס אריינגעלעגט אין קעשענע.

ווען סאָניטשקא איז צוריקגעקומען פון גאַס האָט ער איהר געזאָגט אז זי זאָל זעהען צו גרייטען עפּעס צו עסען.

נאָך מיטאָג האָט ער זיך ניט צוגעלעגט שלאָפען ווי זיין געוואוינהייט איז געווען. נאָר ער איז גלייך אוועק צום רב. קומענדיג אהין האָט ער דערצעהלט דעם רב אַלעס וואָס ער האָט געטהאָן. ער האָט איהם דערצעהלט אז ער האָט געהייסען זיין טאָכטער אָנצושרייבען זיין אדרעס און אז אויב עס וועט אָנקומען א בריעף וועט עס קומען גלייך צו איהם אין די הענד אריין.

דער רב האָט איהם פערזיכערט אז אַלעס וועט זיין ווי געוואונשען אויב עס וועט נור ניט זיין קיין פּלוצלונגע שטערונג. רב איסער מיט'ן רב האָבען זיך אביסעל פערבראַכט צווישען זיך אַליין וועגען דעם פּלאַן און דאַן איז רב איסער אוועק אהיים.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

קוויט'רונגען

אויף א ברית אין 95 סימקאָ סט. ביי מר. מאַקס רייזאַר, געזאַמעלט דורך מר. שפּיגעל 21 גרענדזש עוו. און מר. רייזאַר א ברודער פון בעל ברית 7 דאָלאַר.

פאָלגענדע זענען אָנוועזענד געוועזען: מר. האַלפּערן, מר. שפּיגעל, מר. הערשענהאָרען, מר. מענדעל, מר. סעמיועלס, מר. קירשמאַן, מר. סאַלאָמענסקי, מר. קאָהן, מר. פעלדמאַן, מר. טענזלער, מר. מינקעס און מר. בייטניק.

אויף א שמחה ביי מר. וויינבערג 35 וועלעלי סטריט געזאַמעלט דורך מר. ראָזענבוים 7 סט. פּעטריק סט. $2.50 פאַר'ן „פאָלקס פעראיין״.

אויף א ברית אין 13 דרעפּער סט. ביי מר. משה קירשענבוים געקאָלעקטעט דורך מר. דז. געווירטץ, 76 וויליאַם סט. און מר. גאָלדבערג 110 עלם סט. $6.75. מר. בוק האָט געקויפט די געלד אז די מוטער פון ניי געבוירענעם זוהן זאָל צעהלען די געלד. מר. קירשענבוים האָט געבראַכט די געלד צום פעראיין.

אויף א ברית ביי מר. משה טענענבוים 178 מענינג עוו. געקאָלעקטעט דורך מר. שניידער 152 טעראָלי סט. און דורך אונזער קאָלעקטאָר, $3.05. דער בעל ברית האָט געבראַכט די געלד צום פעראיין.

דער „פאָלקס פעראיין״ ווינשט די עלטערען מגדל צו זיין זייערע קינדער לתורה ולחופּה, ולמעשים טובים און דאַנקט די מנדבים.

אין נאָמען פון פעראיין,
יוסף מעזיניקער, טשערמאַן.
ה. מ. קירשענבוים, סעק.
2861—6—11)

חתן כלה
זאַלענדאַסלטזען

מעררידזש לייסענס קאָן מען קריגען אין אָפּפיס פון „אידישען זשורנאַל״, 67 עליזאַבעטה סטריט, לען דאָ נעהמען זייערע לייסענס וועלען קריגען א יום־טוב'דיגען בעריכט מיט א מזל־טוב אין „אידישען זשורנאַל״ פ ה נ ז.

פאַר וואָס?

פאַר וואָס געהען אַלע אין 101 ענגעס סטריט? (פריהער אין 113 ענגעס קאָרנער עליזאַבעט)

פאַר וואָס איז ר. סילווערמאַן אזוי פּאָפּולאַר אין טאָראָנטאָ וואו נעהמט זיך דאָס צו א מענשען אזא כח, אזא געשמאַק און אזעלכע ביזנעס פעהיגקייטען?

פאַר וואָס קריגט מען אין ערגעץ ניט אזא אויסוואַהל, אזא סחורה פערשיעדענאַרטיג, אזוי פיעל וואָלענס, סילקס, רעמנענטס, דרעסס גודס, טרימינגס, אזוי גוט, אזוי שעהן און... און... און... אזוי שרעקליך ביליג?

אָט די פראַגען פרעגט מען איבעראַל.

דער תירוץ איז איינפאַך:

ר. סילווערמאַן ווייסט דאָס וואָס קיינער ווייס ניט.

ר. סילווערמאַן איז בעקאַנט מעהר פון אַלע סוחרים אין דיעזען ליין, ווייל —

ר. סילווערמאַן האָט עקספּיריענס פון 38 יאָהר אין פּאַריז און אין די סטייטס!

דאָס איז דער סוד.

געהט וואו אַלע געהען!

צו ר. סילווערמאַן אין 101 ענגעס סטריט.

בי פּאַריז באַרגיין סטאָר (געוועזען קאָר. ענגעס און עליזאַבעטה).

פון דער אַלטער וועלט

ציידעס און פּאַסירונגען פון דער אַלטער היים.

300 אידען געהאַנגען און דערשאָסען אין זאַמאָשטש

א פאַרשטעהער פון א רוסישער צייטונג וואָס פאָהרט ארום איבער די צושטערטע שטעדטלאַך פון פּוילען, בעשרייבט אויך דעם שרעקליכען חורבן פון שטעדטעל זאַמאָסטש, וואָס איז בעריהמט הויפּטזעכליך דערמיט וואָס דער גרויסער אידישער קינסטלער פּרץ איז דאָרט געבוירען געוואָרען.

אָט וואָס דער דערמאָהנטער קאָרעספּאָנדענט שרייבט:

נאָך די שלאַכטען ארום לובּלין, האָט זיך ארום זאַמאָסטש פערזאַמעלט א גרויסע עסטרייכישע אַרמע וועלכע האָט געוואָלט אָבשטעלען דעם אַוואַנס און דעם דרענג פון דער רוסישער אַרמע. איבערהויפּט זיינען דאָ געווען מאַדיאַרען (אונגאַרישע סאָלדאַטען) די עסטרייכישע באַשי־באַזשוקען.

ווען די עסטרייכער זיינען דאָס ערשטע מאָהל דורכגעגאַנגען דורך זאַמאָסטש צו לובּלין האָבען זיי גאָר ניט אָנגעריהרט אין שטאָדט; קיין איין איינוואָהנער ניט בעריהרט אַלע זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער, מען האָט געלייזט געלד פון די סאָלדאַטען און אָפיצירען, און זיך פּשוט מחיה געווען.

די עסטרייכער האָבען בערוהיגט די אידען:

„איצט מיט אונזער אָנקומען וועט איהר זעהען וואָס הייסט צו לעבען אין א קולטורעלער לאַנד. מיר האָבען אייך געבראַכט פרייהייט אין עקאָנאָמישע און מאָראַלישע פרייהייט.

אַנדערש איז אָבער געווען ווען די עסטרייכער האָבען געכאַפּט א מפּלה ארום לובּלין און זיינען געלאָפען נאָכגעיאָגט פון א גרויסע רוסישע אַרמיי.

ווען די אידען זיינען געוואָהר געוואָרען אז די עסטרייכער האָבען די שלאַכט פערלאָרען האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו פערלאָזען די שטאָדט. נור בלויז איינציגע האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו אַנטלויפען קיין וואַרשא. די רוסען זיינען שנעל אָנגעקומען און מיט זייער אָנקומען האָט זיך אָנגעפאַנגען א שרעקליכע צייט פאַר די זאַמאָסשער אידען.

אין א שבת אין דער פריה זיינען אריין אין א שטאָדט א סקאַדראָן אונגאַרישע הוזאַרען, זיי זיינען צו צו דער שוהל בשעת די אידען האָבען געדאַווענט, און פערנומען אַלע אָנגעזעהענע בעלי בתים אַלס קריעגס משכנות.

עס זאָל צוגעשטעלט ווערען גענוג עסענווארג פאַר דער אַרמע און די בעפעלקערונג זאָלען קיין שום בעציהונגען מיט די רוסישע טרופּען ניט האָבען. אויב די עסטרייכער וועלען ניט בעקומען גענוג צו עסען, אָדער אויב די רוסישע אַרטילעריע וועט שיסען אויף די עסטרייכישע פּאָזיציעס וועט עס הייסען אז שפּיאָנען האָבען זיי אויסגעזאָגט וואו די פּאָזיציעס זיינען וועלען אַלע קריעגס־משכנות (איבער 100 מאַן) דערשאָסען ווערען.

דאָס איז געווען דער ערשטער בעפעהל.

אויף'ן אַנדערען טאָג איז אָנגעקומען דער הויפּט קאָמאַנדיר פון דער עסטרייכישער אַרמיי, אַן עסטרייכער, א שטרענגער אָבער זעהר און עהרליכער מענש. ער האָט צוגערופען צוויי אָפיצירען האָט געהייסען ברענגען צו זיך די בעלי בתים פון שטאָדט, עטליכע אידען און א פּאָר פּאָליאַקען און האָט זיי געזאָגט:

— זייט רוהיג, ראַבירען אָדער גנבענען פון די פריעדליכע איינוואָהנער וועל איך ניט דערלאָזען. איהר קענט פראַנק און פריי קומען צו מיר. מיט אייערע קלאַגעס. און איך וועל שטרענג אויפהאַלטען אָרדנונג. נור איין זאַך וועל איך ניט דערלאָזען — קיין שפּיאָנען. א קויל אָדער א תליה ערוואַרטעט זיי. די גאַנצע שטאָדט וועל איך חרוב מאַכען, אויב איך וועל עפּעס בעמערקען! קוקט בעסער איינער נאָך דעם אַנדערען, און זעהט אז קיין אונשולדיגער זאָל ניט דאַרפען ליידען פאַר'ן שולדיגען!״

ווען דעם קאָמאַנדאַנטס ווערטער זיינען בעוואוסט געוואָרען אין שטאָדט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן עפּידעמיע פון מסירות. דאָס ביסעל פּאָליאַקען וואָס האָבען געוואוינט אין שטאָדט, אַלע פערביסענע אַנטיסעמיטען, האָבען זיך א לאָז געגעבען צום קאָמאַנדאַנט מיט מסירות אויף אידען די אידען זיינען שפּיאָנען. זיינען די די אידען אוועק און אָנגעזייגט אז די שולדיגע זיינען די פּראָוואָקאַטאָרישע פּאָליאַקען.

געוואַלד, דאָס איז דאָך א נעסט פון שפּיאָנען! האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעשריען, ווען ער האָט איבערגעלעזען דאָס צעטעל פון די אַרעסטירטע. מען מוז זיי אויסראָטען מיט דעם וואָרצעל.

פיהרט זיי ארויס אונטער דער שטאָדט און דערשיעסט זיי ווי די הינד! איבער צוויי דעם דריטען אויפהענגען! דיא איבעריגע שיעסען! און אויב איך וועל נאָך כאַפּען שפּיאָנען, וועל איך די גאַנצע שטאָדט מיט די מענשען פערברענען.״

די איבערגעבליבענע איינוואָהנער, זיינען געבאָך געזעסען אין די הייזער — צו 15 און 20 מענשען צוזאַמען, און ניט געוואַגט ארויס אין גאַס.

דער אַלטער, אַלטער רב, וועלכער איז זייט 6 מאָנאַטען צו בעט געלעגען, און וועמענס זוהן מען האָט אויך אַרעסטירט אַלס שפּיאָן — האָט זיך געהייסען אוועקטראָגען צום קאָמענדאַנט. דער אַלטער, האַלב פּאַראַליזירטער רב ליגענדיג אויף א לייוועגטען בעטעל, האָט אזוי יאָמערליך געוויינט פאַר'ן קאָמענדאַנט, און מיט ציטערנס און האַלב אָבגעריסענע ווערטער וואָס זיין טהיילווייז פּאַראַליזירטע צונג האָט געקענט ארויסריידען, איהם געגעבען צו פערשטעהן אז דאָס זיינען בלויז מסירות. ער האָט געמאַכט אויף דעם קאָמענדאַנט אזא שטאַרקען איינדרוק אז טרעהרען האָבען זיך ביי איהם געשטעלט אין די אויגען.

ער האָט פערשטאַנען אז דאָס איז א שרעקליכע מסירה, און א נקמה פון די בלוט דורשטיגע פּאָליאַקען — און האָט תיכף געגעבען א בעפעהל מען זאָל די אַרעסטירטע אידען צוריקברענגען פון פעלד און בעפרייען.

דערווייל האָט מען שוין געהאַט דערשאָסען צוויי הונדערט און אויפגעהאַנגען א הונדערט אידען.

נאָך דער פּאַסירונג האָבען זיך די סאָלדאַטען א לאָז געגעבען איבער דער שטאָדט און אָנגעפאַנגען צו ראַבירען. די אידען זיינען געווען איבערגעשראָקען און האָבען שוין מורא געהאַט צו געהן זיך קלאָגען צום קאָמענדאַנט.

פון אַלע קראָמען האָט מען צוגענומען דעם טאַבּאַק מיט די שוועבעלעך. ביי איין אידען האָט מען צוגענומען פאַר 15000 רובּעל טאַבּאַק און מען האָט איהם ארויסגעגעבען א קוויטעל: דער מאַטעריאַל איז צוגענומען געוואָרען אום אויסצוהונגערען די שונאים. בעצאָהלען וועט מען פון דער רוסישער קאָנטריבוציע וואָס מיר וועלען בעקומען.״

זיי האָבען ראַבירט אַלעס: ברויט, מעהל, פּרוכטען, פּראָדוקטען, שיך קליידער, וועש, מען איז געגאַנגען איבער די הייזער און געראַבעוועט. איינציגע אידען האָבען זיך געשטעלט אַנטקעגען, האָט מען זיי אין די הייזער אויפגעהאַנגען אָדער דערשאָסען.

צו ענדע זיינען אָנגעקומען רוסישע טרופּען און האָבען אָנגעפאַנגען באָמבאַרדירען די עסטרייכער און די עסטרייכער האָבען געשטעלט קאַנאָנען אין די גאַסען און געשאָסען צוריק, א האַלבע שטאָדט הייזער פון זאַמאָסטש זיינען דערביי פערניכטעט געוואָרען.

Situations Vacant

איך זוך א דזשאָב אַלס עקזאַמענער, 15 יאָהר עקספּיריענס, קען געבען בעסטע רעפערענס. נאָכפרעגען באָקס 1200.
2657—12—6

פערלאַנגט א באָי פאַר א טיקעט אָפּיס מוז קענען גוט שרייבען רוסיש און פערשטעהן טייפּרייטען און שאַרט הענד אין ענגליש. מיט רעפערענס ביי לעטער, און סעלערי פערלאַנגט. נאָכפרעגען „זשורנאַל״ באָקס 799.
2863—6—11)

העברעאישע לעהרערס.

די טאָראָנטאָר תלמוד תורה פערלאַנגט צוויי לעהרערס פאַר דעם מתחילים קלאַס. זיי זאָלען קענען אַטענדען א קינדער גאַרטען. אויסער וואָס זיי דאַרפען האָבען עקספּיריענס אין לערנען קינדער עברית־בעברית מוזען זיי אויך קענען גוט ענגליש.

די אַפּליקאַנטס זאָלען צושיקען זייערע אַפּליקיישאָנס רעפערענסעס, און בעדינגונגען צו:

Mr. M. Feldman 253 Queen St. W. Toronto Ont.
2838—6—13

זינגערס פערלאַנגט.

איינגלאַך פון 10 ביז 14 יאָהר אַלט קענען האָבען א געלעגענהייט צו זינגען ביי חזן וואָלאָדאַווסקי אין כאָהר. די וואָס ווילען זינגען און האָבען גוטע שטימען, זאָלען זיך מעלדען יעדען טאָג פון 5 ביז 6 אוהר צו וו. סעלסקי 42 לענאַרד עוו.

עלטערן וואָס האָבען קינדער מיט גוטע שטימען זאָלען ניט פערנאַכלעסיגען די געלעגענהייט.
.2848—7—8)

צו פאַרענטען 2 גרויסע רומס, סעפּערעט געז מיט אַלע קאָנוויניענס 48 ווידמער סטריט. גלייך אריינצומופען.
2885—6—14)

$13.00 6 רומס, קאָנוויניענס, ניי געפּייפּערט. נאַיאַגאַראַ, לעבען באַטהורסט. אויף 16 דאָלאַר אין דרייפּער סטריט 7 רומס, ניי געפּייפּערט, סייד אינטרעס. פרעגען 13 דרעיפּער סטריט.
2877—6—13)

א הויז צו פערענטען אויף באַרדען סטריט, 9 רומס, אַלע קאָנוויניענס. אויך א פּלעט אויף מיידזשאָר סטריט 3 אָדער 4 רומס, א פאַרנישד רום. אַלעס ביליג. פרעגען קאָלעדזש 4561.
2892—6—13)

פּיינטינג, פּייפּערינג און פּלאַסטערינג. איך פּייפּער און פּיינט פאַר $2.50 מיט די בעסטע פּייפּער. לעפּקאָוויטץ 165 טשעסטנאַט סט.
2876—6—17)

Real Estate

ריעל עסטייט

2 אונפאַרנישד רומס צו פערענטען מיט אַלע קאָנוויניענס, שעהנע רומס אין א שעהנעם געגענד, ביליג רענט, פאַר א יונגע קאָפּעל. נאָכפרעגען 94 האַרבאָרד סט.
2859—6—16)

$14.00. איין סטאָר מיט 4 רומס צו פערענטען, 67 עדוואַרד. פרעגען 65 עדוואַרד סטריט.
2860—6—11)

צו פאַרענטען איין סאָליד בריק הויז 8 רומס, עלעקטריק, געז סטים היטינג, וואַש־טעפּ אין סעלער, דאַבעל וועראַנדע 271 אַגוסטאַ עוו. נאָכפרעגען זיך 129 טשעסטנאַט סטריט.
2864—6—14)

צו פערענטען א 6 רום הויז מיט אַלע קאָנוויניענס. פרעגען 2 פאָסטער פּלייז.
2866)

צו פערקויפען א גוטען קיטשען סטאָוו, פיר באַקען און קאָכען, א נייע אייזבאָקס א מיטעלמעסיגע, א נייע בעט, וואָלען מאַטראַץ און א לאָנטש, זעהר ביליג פיר דעם שנעלען קויפער. עס קען געקויפט ווערען סעפּרייט נור פיר פּראַגויט. לייטע נאָכפרעגען ביטווין 11 און 1 אוהר אין 207 סט. פּעטריק סטריט.
2867—6—12)

צו פערענטען א פּלעט פון 3 רומס, אַלע בעסטע קאָנוויניענס, ניי דעקאָרירט, ביליג רענט. פרעגען 109 מעדזשער סט.
2870—6—14)

א פּלעט פון 4 אָדער 5 רומס אין וואָלטאָן סטריט צו פערענטען, ביליג רענט נאָכפרעגען אין 74 עליזאַבעט סטריט ביי סיימאָן מוכר ספרים.
2871—6—14)

צו פערענטען א סטאָר מיט 6 רומס 257 קווין סט. איסט. פרעגען 359 קווין איסט.
2894—6—18)

א הויז צו פערענטען אין 45 קענזינגטאָן עוו. 6 רומס, א זומער רום, וועראַנדע 2 סעפּערעט עלעקטריק מיטערס און 2 סעפּערעט געז מיטינג און אַלע קאָנוויניענס געז און עלעקטריק פיקטשורס אין הויז.
2858—6—16)

צוויי אָדער דריי רומס צו פערענטען, סעפּערעט מיטער, ביליג רענט, אין 16 קעמעראָן סטריט.
2847—6—11)

צו פערענטען א הויז פון 8 רומס אין טשעסטנאַט סט. אַלע קאָנוויניענס $18.00 נאָכפרעגען 176 מאַרקהעם סטריט.
2846—6—11)

פּלעט צו פערענטען. אַלע קאָנוויניענס טעלעפאָן. פרעגען 43 גרענדזש עוו. פאָן קאָלעדזש 1794.
2851—6—14)

צו פערענטען איין דאַבעל פּאַרלאָר מיט אַלע קאָנוויניענס 161 יוראָן סט.
2862—6—11)

א פּלעט פון 3 אָדער 2 רומס צו פערענטען, ביליג רענט. סעפּערעט געז, א באַטהע און אַלע קאָנוויניענס אין 54 קעמעראָן סטריט.
2843—6—11)

צו פערענטען אין פּאַלמערסטאָן עוו. א פּלעט פון 4 רומס און באַטה רום, סטים היט, עלעקטריק פיקטשורס און בליינדס, פריי טעלעפאָן. אויך א פּלעט פון 2 רומס מיט דיא זעלבע קאָנוויניענס, ביליג רענט פרעגען טעלעפאָן קאָלעדזש 2814.
2836—6—14)

צו פערענטען א פּלעט מיט אַלע קאָנוויניענס, טעלעפאָן. נאָכפרעגען 120 דענייסאָן אָדער טעלעפאָן קאָלעדזש 4319.
2835—6—14)

די אידישע דיי נאָירסערי
לעגט אָב זייער טהעאַטער בענעפיט אויף מאָנטאָג דעם 14־טען ד. מ.
.2840—6—13)

צו פאַרענטען א שעהנעם פּלעט פון 3 אָדער 4 רומס. ניי דעקאָרירט, סעפּערעט געז ביי א יונג פּאַר־פּאָלק 56 בעלוויו עוו. ביליג רענט, אַלע קאָנוויניענס.
2845—6—13)

א פאַרנישט רום צו פערענטען פיר איין אָנשטענדיגען יונגען מאַן, אָדער א ליידי אין 153 מאַרקהעם סטריט ניער אַרטהור.
2820—6—14)

אַפּאַרטמענטס סויטס

אין 502 פּאַרלאַמענט סטריט 4 רומס און באַטה און 5 רומס און באַטה, עלעקטריק און געז רענטשעס דזשעניטאָר סאַירוויסעס, דעקאָרייטעט נאָך דעם לעצטען סטייל. $20 און $25 א מאָנאַט.

פּאַרטיקולערס ביי טעלעפאָן, קאָלעדזש 1076.
2850—7—8)

איך זוך א דזשאָב אַלס עקזאַמענער גוטע עקספּיריענס. נאָכפרעגען באָקס 1200.
2657—12—6

עקספּרעסען און שווערע וועגענס. ווי אויך פּויערסט קלאַס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פּרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספּעשעל פּרייזעס פיר לוויות.
האַלגרייווס ליווערי 11 גרענדזש עוו. פאָן קאָלעדזש 4953.

קאַנטאָר וואָלאָדאַווסקי האָט געמופט אין 62 בראַנזוויק עווענין
דער טעלעפאָן נומער איז דער זעלבער וואָס עס איז געווען
דער גרעסטער אַנטיסעפּטישער מוהל
און דער מאָדערנסטער מסדר קדושין אין טאָראָנטאָ

און
קאַנטאָר וואָלאָדאַווסקי
רופט מיך און איבערצייגט אייך.
קאַנטאָרי לייט קענען מיך אויך אָנגאַזשירען פאַר שמחות. מיין וואוינונג איז 62 בראַנזוויק עווניו, און מיין פאָן נומער איז 1076 קאָלעדזש.
פיר אַרעמע אומזאָנסט.

רעווערענד קאַפּלאַן

איז בעוואוסט צו זיין דער שנעלסטער און זיכערסטער מוהל אין טאָראָנטאָ. איהר דאַרפט נור געדענקען די אדרעסע און טעלעפאָן נומער און איהם לאַדען צו אייערע שמחה'ס דאַן זייט איהר זיכער צו זיין צופריעדען.
זיין אדרעסע 166 דזשאָהן סטריט. טעלעפאָן אַדעלייד 1545. מוהל ומסדר קדושין.
מעררידזש לייסענס פריי צו אַלע חתן כלה
אָפּיס טעלעפאָן אַדעלייד 239.

וויל איהר א גוטען מוהל וועלכער איז 22 יאָהר אין פּראַקטיס, דאַן שיקט נאָך
חזן סאַנאָוויטש
פון מיכאַל סטריט שוהל.
טעלעפאָן
קאָלעדזש 2033
— פרייע אומזאָנסט —

איך וויל בעקאַנט מאַכען דאָס ווערטהע פּובליקום דאָס איך האָב געמופט אין 233 בעווערלי.

א קצור פון די נאָרמען [illegible] געזעצע.

[illegible]

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINEBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mail Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd 1913

העלפט פערשטיטען די גרוב

מיר ווען היינט פאר אייך ניט ענטדעקען קיין נייע אמעריקא.

דאס, וואס מיר שרייבען היינט איז גאנץ גוט בעוואוסט צו די פיעלע אידען וועלכע קומען נאר אין בעריהרונג מיט'ן ווארד.

און דערצעהלט מוז ווערען דער גאנצער אמת, ווי טיעף עס זאל אונז ניט קרענקען, און וועה טהאן.

עס קען ווייטער אזוי ניט אנגעהן, און אונזער שאנדע מוז אויפגעדעקט ווערען, די שאנדע פונ'ם היגען אידישען קווארטאל.

מעהר טאר קיין שטרוים־פויגעל פאליטיק ניט געפיהרט ווערען. א פאליטיק וועלכע וויל אלעס פערגלעטען און פערדעקען, מאכט בלויז דעם זומף גרעסער און „שמעקענדער".

עס מוז איינמאהל פאר אלע מאהל אראבגעריסען ווערען דער איבערדעק, און זאלען אלע זעהן די שטופע, צו וואס די אידישע גאסען האבען דערגרייכט.

מיר ווייסען, אז שרייבענדיג דיעזע שורות פערשאפען מיר זיך ניט קיין פריינד, אויב ניט קיין שונאים.

דאס אַרט אבער אונז ווייניג. דער אמת דארף און מוז געזאגט ווערען אום יעדען פרייז.

און מיר וועלען איהם זאגען, גאנץ אונערשראקען.

ווען מיר רעדען וועגען דעם היגען אידישען ווארד האבען מיר אין זינען די צוויי אנגעזעהענסטע גאסען איהרע עליזאבעטה און ענגעס.

איז אייך לעזער קיינמאהל ניט געווארען אויפפאלענד, שפאצירענדיג איף דיעזע גאסען, דאס וואס איף שריט און טריט שטויסט איהר זיך אן אין אייז־קרים פארלארס.

האט איהר, לעזער, זיך קיינמאהל ניט געשטעלט די פראגע, ווי געהמען די אלע אייז־קרים פארלארס, וועלכע דערגרייכען אין די צעהנדליגער אזוי פיעל קונים איף אייז־קרים און סאדא־וואסער — די הויפט סחורות פון דיעזע געשעפטען.

איז אייך קיינמאהל ניט איינגעפאלען, אז ווען יעדער טיהר און פענסטער פון דיעזע גאסען איז פערוואנדעלט געווארען אין א „פארלאר" טראגען די „סטארס" דארטען ניט נאר איף צו ערנעהרען זייערע בעלי בתים נאר אזא מען קען פון דעם גלייזטען געלד, אפילו ניט בעצאהלען פאר לייסענס.

און אויב איהר האט זיך, לעזער, דיעזע אלע פראגען ניט געשטעלט, וועלען מיר זיי שטעלען פאר אייך, און מיר וועלען אייך אויך דעם ענטפער איף זיי געבען.

און דער ענטפער אונזערער איז פאלגענדער.

ניין, יענע געשעפטען עקזיסטירען ניט איף דעם, וואס זיי פערקויפען א גלאז אייז־קרים א וואך, און א צעהנדליג פלעשלאך וואסער א טאג, און אמאהל אייך א סיגאר.

דאס זענען בלויז שילדים, אום צו פערשטעלען די גרוב, וואס איז אונטער זיי.

דער אייז־קרים פארלאר, איז בלויז א מיטעל, אום צו פערדעקען די „בעק־רום", וואס גיט די רעכטע חיונה פאר'ן בעל הבית.

איין טריט פונ'ם „פארלאר", און פאר אייך עפענט זיך א צימער פון זנות, ווייסע שקלאפעריי, געמבלינג, שכרות, און אלע אנדערע זאכען פון דער אונטערוועלט.

דארטער איז מעהר לעבען ביינאכט ווי בייטאג.

בייטאג זענען יענע צימערען לעדיג, ווייל דאמאלס ווערען געשאפען די סענטען, דיימס און דאלארס, וועלכע ווערען אין אווענד געבראכט אין דיעזע דונקעלע צימערען.

ניט אין איין טאג איז עס ענטשטאנען. עס האט גענומען לאנג ביז וואנען עס האט זיך ענטוויקעלט צו איהר יעצטיגער מדרגה.

יעצט האט עס שוין דערגרייכט די העכסטע מדרגה איהרע.

די געשעפטען ווערען אנגעפיהרט אפען און פריי, ווייל די אייגענטהומער ווייסען, אז מען וועט זיי ניט טשעפען, און אז מען פערמאכט די אויגען גראדע ביי יענע פלעצער, וואו זיי פאדערען זיך.

ווער האט אייך געזאגט, אז אידען זענען בלויז פעהיג פאר'ן קליין־האנדעל.

אזא בעשלוס קענט איהר ניט ארויסטראגען. ווען איהר אנאליזירט דעם ענגעס סטריטער מסחר. דארטען ווערט אלעס געפיהרט ווי איף א גרויסען סטאק־עקסטשענדזש. מען טיישט לעבעדיגע סחורה ניט ערגער ווי אין די שמוציגע קווארטאלען פון בוענאס איירעס, קאנסטאנטינאפאל, און אלע אנדערע פראסטיטוציאנס קווארטאלען.

דער מסחר איז א לעבעדיגער, מען לייהט זיך אוים סחורה דארטען ווי עס פעהלט. אייניגע זענען ספעציאליסטען און גיבען זיך אב בלויז מיט געמבלינג, די אנדערע מיט זנות א. ד. ג. די דריטע בעשעפטיגען זיך בלויז מיט'ן פלעשעל.

יעדער איינער האט אפילו זיין סארט קאסטומער. מען האט זיך איינגעטהיילט מיט זיי. אייניגע האבען מאנאפאליזירט די איטאליענער, אנדערע די פאליאקען, און פאר די איבעריגע האבען זיך אבגעשטעלט בלויז די „גיום באים", די גנבים, און דער איבעריגער גאסען טרייד.

דאס זענען היינט צו טאג די „פארלארס", חוץ אייניגע אויסנאהמען אין דעם אלטען סט. דזשאהנס ווארד.

יעדער פערזוך, איבערצוגעבען עס אין דער האנד פון דער גערעכטיגקייט, האט זיך דערוויל פערענדיגט מיט גאר ניט.

ווילט איהר אז די שאנדע זאל פארגעזעצט ווערען, און דער גאנצער אידישער נעגענד זאל ווערען איין גרויסע גרוב?

ווילט איהר דערלאזען, אז די שאנדע זאל פארגעזעצט ווערען, און דער אידישער נאמען זאל פערבונדען ווערען מיט דיעזען שמוציגען אבגרונד?

עס גלויבט זיך קוים, אז עס געפינט זיך אפילו איינער חוץ יענע חברה לייט פונ'ם „זומפ", וועלכער זאל עס אפילו אויף א מינוט וועלען צוגעבען.

מען מוז דעם קווארטאל אויסרוימען.

מען מוז די שאנדע אויסראטען.

און אז מען וויל קען מען עס אויספיהרען גאנץ לייכט. מען דארף אבער וועלען.

און וועלען דארפען עס בלויז אייניגע לייט. עס דארפען עס וועלען די לענדלארדס, די הייזער־אייגענטהימער.

אתנן זונה, איז ביי אידען פון תמיד אן געווען נאך טריפה'ער ווי חזיר.

לײדער האבען מיר אבער אין דיעזער גוטער מדה שוין לאנג פערגעסען.

די בעלי בתים פון די הייזער אויף יענע גאסען קימערט גאנץ ווייניג, וואס אין זייערע הייזער און „סטארס" קומט פאר, אבי זיי בעקומען בלויז די רענט צו דער צייט, און אפשר נאך מיט עטליכע דאלאר מעהר אויפ'ן חודש.

און שרייבענדיג דיעזע שורות, האבען מיר בלויז אייך בעלי בתים פון הייזער אין ענגעס און עליזאבעט אין זינען.

מיר ווילען. אז איהר זאלט אונזערע ווערטער לעזען.

אויב איהר ווייסט ניט, וואס אין אייערע הייזער קומט פאר, זאלט איהר יעצט געוואר ווערען.

און ווען איהר וועט ענדיגען לעזען, זאלט איהר זיך אן ענטפער געבען.

איהר זאלט זיך אן ענטפער געבען, צו איהר וועט ווייטער ערלויבען דיעזע אלע ברואים פון דער אונטערוועלט, אנצופיהרען זייערע געשעפטען אין אייערע הייזער, אדער איהר ווילט מיט אתנן זונה ניט האבען צו טהאן און איהר וועט דיעזע קערלען מאכען צו מופען, ווייסט, אז אין אייער בעשלוס, ליגט די גאנצע לעזונג פון דיעזער פראגע.

בלויז איהר קענט העלפען פערשטיטען דעם גרוב.

דאס וואס דער געזעץ קען ניט אדער וויל ניט טהאן, קענט איהר דורכפיהרען מיט אייער פרייען ווילען.

ווילט איהר אז די „גרוב" זאל נאך טיעפער געגראבען ווערען, אדער אונזער נאמען איז אייך טייער און איהר וועט די שאנדע אויסראטען.

ווייסט אז אויף אייער ענטפער ווארט די גאנצע טאראנטער אידישע בעפעלקערונג.

די אידישע טאראנטא

די גואל צדק שוהל

היסטארישע פאקטען וועגען דער ענטוויקלונג פון איינער פון די ערשטע שוהלען אין טאראנטא. — ווי אזוי דער אידישער ישוב האט זיך דא ענטוויקעלט צוזאמען מיט דער שוהל.

איינע פון די שעהנסטע היגע אידישע שוהלען איז אהנע צווייפעל די גואל צדק שוהל, אדער ווי מען רופט זי "די עלם שוהל אדער ווי מען רופט זי „די עלם 35 יאהר צוריק.

צו יענער צייט ווען די שוהל האט זיך געגרינדעט זיינען אין דער גאנצער שטאדט אפשר געווען ארום 40 אידישע פאמיליעס. דער ישוב אין טאראנטא אין דאן ניט געווען אזוי גרויס ווי ער איז יעצט.

קיין היסטארישע דאקומענטען זיינען ניטא מיט וועלכע מען זאל קענען בעווייזען ריכטיג אין וועלכען טאג די שוהל האט זיך געגרינדעט, מען מוז זיך פערלאזען אויסשליסליך אויף דעם וואס די אלטע לייט דערצעהלען.

די לייטע וועלכע געדענקען די טאראנטאר אידישע היסטאריע זיינען זעהר קליין אין צאהל, און קיין פיעל איינצעלהייטען געדענקען זיי ניט אויף וויפיעל זיי געדענקען אבער יא איז די געשיכטע פון דער גואל צדק פאלגענדע.

אין יאהר 1880 איז געווען דער ערשטער מנין וועלכער האט זיך צוזאמענגעקליבען צו דאווענען ימים נוראים. זיי האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין א צימער ביי א געוויסען מר. גאלדשטיין אין ערלייד סטריט איסט און האבען דארטען געדאווענט.

נאך ימים נוראים האבען זיי זיך אבער געמוזט פון דארטען ארויסקלייבען צוליעב א קריעג וואס עס איז אויסגעבראכען. דער מר. גאלדשטיין האט געוואלט ווערען א טרעזשורער, אין צייט פו ימים נוראים האט מען געמאכט א פאאר דאלאר. די איבריגע מיטגליעדער וועלכע זיינען געווען 8 אין צאהל האבען איהם פאר קיין טרעזשורער ניט געוואלט. דעריבער האט ער זיך ענטזאגט צו געבען זיין צימער פאר א שהל.

די אכט שוהל מיטגליעדער זיינען דאמאלס געווען.

י. הערריס.
אברהם קאהאן.
ה. דעניעלסאן.
דוד גוראפסקי.
יעקב דריימאן.
מר. וואוד.
מר. אלבערט.
און ל. לעווינסקי.

זיי האבען געצאהלט צו דאלאר א מאנאט אום אויפצוהאלטען זייער שוהל.

פון די אלע אויבענדערמאהנטע געפינען זיך בלויז זעקס אין טאראנטא. די איבעריגע צוויי זיינען שוין דא ניטא.

נאכדעם ווי גאלדשטיין האט זיך מיט זיי צוקריעגט, האבען די אכט מיטגליעדער געדונגען א צימער אויף'ן קארנער יארק און ריטשמאנד סטריט, וואו עס זענען געווען הילצערנע שעדס, דארטען האבען זיי געגרינדעט זייער שוהל, זיי האבען בעקומען א חזן א געוויסען מר. ראבינסאן וועלכער איז אויך געווען א שוחט, און האבען איהם געצאהלט 4 דאלאר א מאנאט. אבער אזוי ווי ער האט ניט געקענט מאכען קיין לעבען דערפון איז ער געצוואונגען געווען זיי צו פערלאזען.

בכלל האט דא קיין אידישער שוחט קיין לעבען ניט געקענט מאכען, ווייל כשרה פלייש פלעגט מען בלויז שעכטען מאנטאג און פרייטאג, און פאלגליך האט קיין שוחט דא גיקענט ניט געקענט עקזיסטירען.

נאך זיין אוועקפאהרען איז די שוהל געבליבען אהן א חזן אבער זיי זיינען ניט פערצווייפעלט געווארען, אין גיכען האבען זיי בעקומען אן אנדערען, אבער אין א גאנץ קורצער צייט איז דער צווייטער אויך אוועק צוליעב דער זעלבער אורזאכע, ניט געווען פון וואס צו לעבען. פון דיא געהאלט וואס די שוהל האט געצאהלט איז ניט געווען גענוג אויף ברויט, און קיין הכנסה פון אנדערע קוועלען זיינען אויך ניט געווען.

פלוצלונג האט דער אימיגראציאנס שטראם געבראכט אין טאראנטא א היבשע ביסעל מענשען, דאס איז געווען אין 1882־טען יאהר נאך דעם ערשטען קיעווער פאגראם. עטליכע הונדערט אידישע פאמיליעס זיינען אנגעקומען אין טאראנטא, זיי זיינען דא אבער ניט געבליבען.

פיעלע זיינען זיך צופאהרען אין אנדערע שטעדט פון קענעדע און די פעראייניגטע שטאאטען.

מיט דעם אימיגראציאנס שטראם זיינען אויך געקומען אייניגע שוחטים און חזנים, און יעדער איינער פון זיי איז געווען אין יענער שוהל וועלכע איז געווען אויף'ן קארנער יארק און ריטשמאנד סט. קיינער פון זיי האט זיך דארט אבער לאנג ניט געהאלטען.

פיער יאהר האבען דארטען די אידען געהאט זייער מנין וואו זיי פלעגען זיך צוזאמענקלייבען צו דאווענען שבת און יום טוב און אין 1885 ווען די שוהל האט שוין פערמאגט מעהר מיטגליעדער און עטליכע דאלאר האבען זיי אבגעקויפט א באפטיסטישע קירכע אויף'ן קארנער יוניווערסיטי און עלם סטריט און האבען דאס איבערגעבויט פאר א שוהל.

דאן האבען זיי ערוועהלט א פרעזידענט, א געוויסען סיימאן וואולף, און א חזן א געוויסען מר. לייבאוויטש, וועלכער איז אויך געווען א שוחט. די שוהל האט מיט'ן חזן געמאכט אן אגרימענט, האט אבער פאסירט א געשיכטע, דעם חזן'ס ווייב איז איינמאהל געקומען צו די מעמברים און האט זיך בעקלאגט אז איהר מאן בעהאנדעלט זי ניט גוט. ער האט געהאט פערגעניגען פון דעם וואס ער פלעגט זי אבגיסען מיט קאלטע וואסער.

די שוהל מיטגליעדער האבען זיך אנגענומען די קריוודע פון דעם חזן'ס ווייב און האבען איהם דערפאר ענטזאגט פון דער שטעלע.

אין 1886 האט די שוהל ערוועהלט אן אנדער חזן און שוחט דאס איז געווען א געוויסער מר. קאהאן, ער איז געווען א גאנץ פיינער חזן, האט אבער מיט איהם פאסירט א גאנץ אנדער געשיכטע.

דער גבאי פון שוהל האט געהאט א רענ־שאפ האט זיך איינמאהל געמאכט אז ער האט געקויפט געגנב'עטע סחורה. ניט וועלענדיג דאס ברענגען צו זיך האט ער עס געבראכט צום חזן אין הויז, דער חזן האט דערפאר געהאט אויף זיך א פעקעל, און די ענדע איז געווען דאס מען האט איהם דערפאר פון שוהל ענטזאגט.

דאן האט מען גענומען אן אנדערען מיט דעם נאמען קאנטאראוויטש. דער האט זיך אבער אויך לאנג ניט געהאלטען ווייל ער האט צופיעל ליעב געהאט דעם ביטערען טראפען און פלעגט צו אפט מאכען "לחיים".

אויף זיין ארט האט מען אויסגעקליבען א געוויסען מר. יאנאווער. ער וואלט שוין געווען גאר א גוטער חזן האט ער אבער ניט אבגעהיט שטארק דעם צעהנטען געבאט פון די עשרת הדברות און ממילא האט מען איהם משלח געווען.

און דאס אלעס האט פאסירט אין צוויי יאהר צייט. צו דער ענדע פון 1887־טען יאהר האט שוין די שוהל פערמאגט ארום 75 מיטגליעדער, זי האט זיך שוין דאן גערופען א גרויסע שוהל און זיי האבען גענומען א רב.

מר. באכראך איז דאן געווען פרעזידענט. מען האט גענומען א געוויסען רב לאסקער וועלכער איז אבער מעהר ניט געווען ווי איין יאהר צייט, ווייל פון די שבירות האט ער ניט געקענט לעבען.

די שוהל האט דאן גענומען אן אנדער רב, א ביאליסטאקער, הרב סאפירשטיין. ער איז געווען דער רב פון דער שוהל פאר אנדערהאלבען יאהר. דאן האט זיך איהם געמאכט אן אנדער שטעלע אין די פעראייניגטע שטאאטען האט ער איבערגעלאזען די שוהל און איז אוועק.

דער דריטער רב איז געווען הרב בערמאן, ער איז אין שוהל געווען בלויז 9 מאנאטען און דאן איז ער ענטזאגט געווארען צוליעב דעם ווייל ער האט צופיעל געטרונקען און ווייניג געגעסען.

הרב לעווין איז געווען דער פערטער.

ער איז אין שוהל געווען מעהר ווי א יאהר און ער וואלט נאך געווען זיין, ווייל ער איז געווען בעליעבט ביי אלע מעמבערס, איז אבער געווען א צרה, די שוהל טרעזשורי איז געווען ליידיג און צו צאהלען דעם רב איז ניט געווען מיט וואס איז ער אליין אוועק.

אזוי האט זיך די שוהל געפיהרט ביז צום סוף פון דעם 19־טען יאהר הונדערט די צאהל מעמבערס זיינען געווארען גרעסער און די קאסע פולער. עס האט שוין דערגרייכט אזוי ווייט אז די שוהל האט אין 1905־טען יאהר פערמאגט 18 הונדערט דאלאר. דאן האבען זיי גענומען ריידען וועגען אויפבויען א גרעסערע שוהל.

זיי האבען געקויפט דעם פלאץ וואו עס שטעהט יעצט די שוהל פאר וועלכע מען האט בעצאהלט ארום 9 טויזענד דאלאר און אום אויסצובויען די שוהל האט זיך געפאדערט אן אונגעהייערער סומע געלד, לויט דעם ארכיטעקטס פלאן האט עס בעדארפט קאסטען 71 טויזענד דאלאר.

ביי דער ערשטער פערזאמלונג וואס איז געווען צו בויען א שוהל איז בייגעשטייערט געווארען 12 טויזענד דאלאר. צווישען די גרעסטע מנדבים זיינען געווען.

י. בראדי, ל. לעווינסקי, י. סאלאוועי, י. לעווין, מ. וואלינסקי, ס. וואולף, משה לעווין, מר. חפץ, ד. לעווין און פיעלע אנדערע.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען ביי יענער פערזאמלונג צו פערקויפען פלעצער אין שוהל און דערפון מאכען געלד, אבער אום אנצוגעהן מיט דער געביידע האבען די מיטגליעדער געליהען דריי און דרייסיג טויזענד דאלאר פון דער קראון באנק געבענדיג זייערע פערזענליכע נאוטס אלס פערזיכערונג אז די געלד וועט בעצאהלט ווערען.

די געביידע האט צוזאמען מיט'ן פלאץ געקאסט 80 טויזענד דאלאר, אבער ווען די אלטע שוהל איז פערקויפט געווארען, וועלכע איז אגב אורחא, יעצט צוריק פערוואנדעלט געווארען אין א טשורטש, און די מעמבערס האבען געקויפט סיטס און געגעבען נדבות, איז בעצאהלט געווארען 29 טויזענד דאלאר אויף'ן חוב, און פון דאן אן האט מען עס צוביסלאך געצאהלט. ביז היינט צו טאג איז נאך די שוהל שולדיג בלויז צוויי טויזענד דאלאר צו דער זעלבער באנק.

יעצט פערמאגט די שוהל 250 מיטגליעדער, יעדער מיטגליעד צאהלט דורכשניטליך 18 דאלאר א יאהר דיוס, עס זיינען אבער דא מיטגליעדער וועלכע צאהלען אויך צו 150 דאלאר א יאהר דיוס.

די נייע שוהל, וועלכע איז א גאנץ פרעכטיגע געביידע און געפינט זיך אויף יוניווערזיטי עוועניו, ניט ווייט פון די ארמאריס, איז אויסגעבויט געווארען פון א בילדינגס קאמיטע אין וועלכער עס זיינען געווען פאלגענדע פערזאנען:

אברהם אנדרעגס טרעזשורער.

אייזיק קופער סעקרעטער.

פאול ליוואי, לואיס לעווינסקי, נייטהען ברענען, דזשייקאב קאדעסקי, גרשן סאלאווי, משה לעווין, יעקב דריימאן, מר. בראדי, מר. קאהאן. ס. שווארץ, ל. גוראפסקי. מ. לעווינסקי, מ. ווילענסקי און ה. סטיין.

דער ווינקעלשטיין איהרער איז געלעגט געווארען דעם 29־טען אפריל 1906 פון מר. יצחק ברוידא.

דאס פיעלע בייטען פון די רבנים האט זיך ענדליך אבגעשטעלט, ווען אין שוהל איז אין 1905 אנגעקומען אלס רב, דער יעצטיגער הרב גארדאן, וועלכער איז ניט נאר א רב, נאר אויך א כלל טהוער און ארבייט טהעטיג אין קהלשע ענינים.

הרב גארדאן פון דער גואל צדק שוהל איז געבארען געווארען אין דענילאוויץ ווילנער גובערניע, און האט אלס יונגער איינגעל געלעהרענט אין די ישיבה פון מינסק, וואלאזין און קאוונא.

סמיכה אויף רבנות האט ער פון דעם סאסניצער רב, פון דעם סמארגאנער רב און פון רב רפאל דעם וואלאזינער רב.

רבי גארדאן איז אויך דער מחבר פון דעם ספר מנחת יעקב.

די חזנים פון דער שוהל האבען זיך נאך אלעס געהאלטען אין איין בייטען, ביז וואנען די שוהל האט ענדליך זיך דערקליבען א חזן, אין דעם יעצטיגען קאנטאר ב. וואלאדאווסקי.

חזן וואלאדאווסקי פון דער שוהל איז געבארען אין קיעוו, רוסלאנד, וואו ער האט געענדיגט די קיעווער קייזערליכע מוזיקאלישע שוהלע. צו 17 יאהר איז ער שוין געווען אן אנערקענטער חזן, ער איז פאר א לאנגער צייט געווען חזן אין קאנסטאנטינאפעל, טערקיי און איז געווען שטאדט קאנטאר פון בוקארעסט רומעניען. פון דארטען איז ער אין 1907־טען יאהר אראבגעבראכט געווארען פון דער אוהבי צדק קאנגרעגיישאן אין ניו יארק פון וואנען מען האט איהם צוגענומען אין שיקאגא, און אין אויגוסט 1912 איז ער אנגענומען געווארען אלס חזן אין דער גואל צדק שוהל.

די שוהל האט יעצט אויך אן ענגליש שפרעכענדען ראבי פאר'ן יונגען דור — רבי דר. דזשוליוס פרייז.

רבי דאקטאר פרייס איז דער ערשטער שטודירטער ראבינער וואס איז אנגענומען געווארען אין א ארטהאדאקסישער שוהל אין טאראנטא.

ער איז א געענדיגטער פון פראפעסאר שעכטערס סעמינאריום און איז אנגענומען געווארען פון דער גואל צדק שוהל אין דעם מאנאט מאי.

די גואל צדק שוהל, וועלכע איז יעצט אויך די רייכסטע שוהל, טהוט אויך פיעל אויף אויף'ען געביעט פון צדקה, און צווישען איהרע מיטגליעדער זיינען דא די פראמינענטעסטע בעלי בתים פון שטאדט.

דר. האזאנאוויטש

דר. יוסף האזאנאוויטש פון ביאליסטאק איבער וועמעס טויט עס איז שוין געווען געמעלדעט אין זשורנאל, איז געווען א העכסט וויכטיגע און מערקווירדיגע פערזענליכקייט. פון זיין קינדהייט אן איז ער געווען א מענש מיט א זאנדערבארען כאראקטער, זא צוזאגען, אן עקשן, וואס האט זיך געהאלטען ביי זיינע מיינונגען און אידעען און מען האט איהם פון זיי ניט געקאנט אבווענדען.

ער איז געבוירען געווארען אין גאניאנדז גראדנער גובערניע דעם 22טען אקטאבער 1844 (תר"ד).

זיין ערשטע אידישע ערציהונג האט דר. האזאנאוויטש בעקומען ביי זיין זיידען, זיין פאעס :,קמספארטע רען, זיין פאטערס פאטער ר' הירשעל, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און ירא שמים. ביי איהם האט ער אנגעפאנגען לערנען די ערשטע אידישע למודים און איז געווען א זעלטענער מתמיד. צום עסען פלעגט איהם זיין באבע מוזען צוטרייבען, זאנסט איז פאר איהם רעכט געווען פאסטען.

"ווען ניט מיין באבע עליה השלום" פלעגט דר. האזאנאוויטש אפטמאהל זאגען — "וואלט איך זיך פיליייכט אבגעוואהנט פון עסען און וואלט א מלאך געווארען."

ווען ער איז געווארען אביסעל עלטער און האט שוין געלערענט תנ"ך איז איהם בעסער פון אלעם געפעלען געווארען תהילים. ער איז געוואקסען א גרויסער תהלים זאגער און אבוואהל זיינע חברים פלעגען פון איהם לאכען, פלעגט ער אפטמאהל פערברענגען גאנצע נעכט אויף תהלים זאגען.

ער האט אנגעפאנגען לערנען רוסיש, ווען ער איז צוועלף יאהר אלט געווען און האט שוין געלעהרענט ביי א גמרא מלמד. ער האט געמאכט א חילוף מיט זיינע חברים פון חדר, וועלכע האבען געלערענט רוסיש ביי לעהרער. ער האט מיט זיי איינגעחזרט דעם "שיעור" און זיי האבען איהם געלערענט די לאנדעס שפראך. זיינע עלטערען און אור־עלטערען האבען דאס ניט געוואלט ליידען און ער פלעגט לערנען די רוסישע שפראך בשתיקה, קיינער זאל ניט וויסען.

יאסעלע ווי די עלטערען פלעגען איהם רופען, איז נאכהער אריינגעטראטען אין דער אידישער שוהלע אין זיין שטעדטעל ער האט דארט אין א פאאר יאהר צייט אויסגעלעהרענט גוט העברעאיש, א היבשע ביסעל רוסיש און נאך אנדערע למודים. אבער ער איז פערבליבען דער זעלבער פרומער איינגעל ווי פריהער און די ביסעל השכלה האט איהם ניט אראבגעפיהרט פון וועג. ער איז נאכהער, אהן דעם וויסען פון זיינע עלטערען, אוועק קיין גראדנא, וואו ער איז אריינגעטראטען אין גימנאזיום.

אויך דארט איז יאסעלע געווען שטרענג פרום און פלעגט אבהיטען דעם דאווענען און דעם תהלים זאגען און שבת איז ער ניט געגאנגען נעהמען די לעקציאנען אין גימנאזיום. מען האט איהם דערפאר געהאט ארויסגעשיקט פון בילדונגס אנשטאלט, אבער ער האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבען און ער האט פאר קיין פאל ניט געוואלט מחלל שבת זיין. ער האט ענדליך אויסגעווירקט ביים דירעקטאר, אז ער זאל זיין א שילער אין גימנאזיום און צו דער זעלבער צייט אויך זיין א שומר שבת צו דער זעלבער צייט ווען ער איז געווען א סטודענט אין גימנאזיום האט דר. האזאנאוויטש אויך געלעהרענט אידישע למודים און איז געווען העכסט פרום אין פוילען זינען פון דיעזען ווארט.

אין יאהר 1863 איז ער אוועק נאך קעניגסבערג, פרייסען און איז אריינגעטרעטען אין דארטיגען אוניווערזיטעט. אויך שטודירענדיג דארט האט ער זיין פרומקייט ניט אויפגעגעבען, אבוואהל ער פלעגט דערפון אפט האבען אונאנגענעהמליכקייטען. ער האט געלעבט זעהר אן ארימען לעבען, אבער ער איז געווען א מסתפק במועט און צוליעב זיין גרויסען חשק צו לערנען, האט ער זיך וועגען קיין זאך ניט געקימערט.

אין יאהר 1866 ווען אין קעניגסבערג האט אויסגעבראכען חאלערא, האט פראפעסאר זאמעלזאן, וואס איז געווען איינער פון די פראפעסארען אין אוניווערזיטעט גענומען האזאנאוויטשען אלס געהילף און בעגלייטער אין זיינע וויזיטען צו חאלערא קראנקע. ער האט נאך דאמאלס ניט געהאט קיין דיפלאם אלס דאקטאר, אבער מען האט זיך שוין אויף איהם געקענט פערלאזען אז ער זאל בעהאנדלען אלערליי חולאים. ער איז נאכהער אנגעקומען אין בעריהמטען בוראוו קליניק און האט שטארק נושא חן געווען ביים וועלט בעריהמטען כירורג פראפעסאר בוראוו. ער איז אין יענעם קליניק געווען דריי יאהר צייט.

אונטערדעסען האט אויסגעבראכען די דייטש פראנצויזישע קריעג און פראפעסאר בוראוו איז פון דער רעגיערונג בעשטימט געווארען אלס הויפט כירורג פאר דער דייטשער ארמיי. ער האט אויך געוואלט מיטנעהמען זיין ליעבלינג האזאנאוויטש צום שלאכטפעלד, אבער די רעגיערונג האט איהם צוריקגעוויזען ווייל ער איז א איד.

אין יאהר 1871 האט האזאנאוויטש בעקומען זיין דיפלאם אלס דאקטאר מעדיצין און האט בעקומען א שטעלע אין א האספיטאל און האט בעקומען א גוטען נאמען. מיט צוויי יאהר שפעטער איז ער צוריק געקומען נאך זיין אלטע היים אין רוסלאנד וואו ער האט מיט צוויי יאהר שפעטער אויסגעהאלטען עקזאמען און בעקומען אן ערלויבניש פון דער רעגיערונג אז ער מעג דארט פראקטיצירען מעדיצין. א קורצע צייט איז ער געווען דאקטאר אין

(פארטזעצונג אויף פיידזש 5)

GILLETT'S LYE
"EATS DIRT"
GILLETT'S
PERFUMED
100%
POWDERED
LYE
E.W. GILLETT COMPANY LIMITED
WINNIPEG
TORONTO ONT.
MONTREAL

COWAN'S MAPLE BUDS
עס לוינט זיך תמיד
זיי צו פערזוכען
עס'ז גענוג
Little Miss MAIDEN CANADA
Registered
335

(פארטזעצונג פון פיידזש 4.)

גראדנא, דאן האט ער זיך בעזעצט אין ביאליסטאק.

דארט אין ביאליסטאק האט זיך דר. חאזאנאוויטש גענומען צו קהל'שע ענינים און איז געווארען א גרויסער כלל טהוער. ער האט זיך שטארק אנגעהויבען עוסק זיין אין צדקה זאכען און האט דורך זיין איינפלוס און פערזענליכע מיה אויפגעטהאן פיעל זאכען לטובת הכלל.

אין יאהר 1883 ווען אידען אין רוסלאנד האבען אנגעהויבען ליידען פון פאגראמען און פון די בעוואוסטע מאי געזעצע, האט זיך דר. חאזאנאוויטש שטארק פעראינטערעסירט אין דער ציון בעוועגונג וואס האט זיך צו יענער צייט אנגעפאנגען. ער האט זיך צוזאמענגעשריבען מיט די דאמאלסדיגע פיהרער פון ציוניזם און האט מיט זיי געארבייט האנד אין האנד. דיא ערשטע ציון סאסייטי אין ביאליסטאק האט דר. חאזאנאוויטש געגרינדעט.

ווען דער גאון ר' שמואל מאהליווער וועלכער איז געווען א הייסער ציוניסט, איז אנגעקומען אין ביאליסטאק אלס רב איז דר. חאזאנאוויטש זיין רעכטע האנד געווארען און ער האט אים פיעל געהאלפען צו פערשפרייטען די אידעע פון ישוב הארץ.

דר. חאזאנאוויטש איז אנוועזענד געוועזען ביי דער בערימהטער אסיפה אין קאטאוויטץ, אין חשון 1885. ער איז דארט ארויסגעקומען מיט דער אידעע צו שאפען א אידישע פאלקס ביבליאטהעק אין ירושלים און האט פערשפראכען אוועקצושענקען פיר דיעזען צוועק זיין אייגענע ביבליאטהעק וואס איז בעשטאנען פון דריי טויזענד ספרים. ער האט נאכהער וועגען דיעזען פלאן קארעספאנדירט מיט באראן גינצבורג פון פעטערסבורג, באראן ראטהשילד פון פראנקפורט אם מאין, ר' צדוק הכהן פון פאריז און אנדערע אידישע גדולים פון פערשיעדענע לענדער און אין א קורצע צייט ארום איז געשאפען געווארען נאך פינף טויזענד ספרים פאר דער אידישע ביבליאטהעק אין ירושלים.

אין יאהר 1890 האט א רייכער פאליאק געכאפט א אידישען אינגעל רייסענדיג פרוכט פון זיין גארטען. ער האט דעם אינגעל אריינגעשלעפט אין הויז און מיט אן אנגעברענטען אייזען אויסגעברענט אויף זיין שטערען די ווערטער זשיד וואר (איד גנב). דר. חאזאנאוויטש האט דעם פוילישען אנטיסעמיט גוט אויסגעפאטשט דערפאר און יענער האט איהם פערקלאגט אין געריכט. דער סוף איז געווען אז דיא רעגירונג האט דעם בראווען דאקטאר דערפאר ארויסגעשיקט פון ביאליסטאק און ער האט זיך בעזעצט אין לאדז.

אין דעם זעלבען יאהר איז דר. חאזאנאוויטש צוזאמען מיט ר' שמואל מאהליווער געפאהרען קיין ארץ ישראל. זיי האבען דארט פערבראכט דריי מאנאטען צייט און בעזוכט אלע אידישע קאלאניעס און אויך געמאכט ארענדזשמענטס פאר דער נאציאנאלער אידישער ביבליאטהעק. צוריקוועגס האבען זיי בעזוכט באראן עדמונד ראטשילד (הנדיב הידוע) אין פאריז. דר. חאזאנאוויטש איז נאכהער אליין אומגעפאהרען צו אידישע גדולים און ער האט זיי פעראינטערעסירט אין זיין ביבליאטהעק און אין יאהר 1904 האט ער ווידער געמאכט א רייזע נאך ארץ ישראל און מיט די הילף פון נדיבים האט ער געלאזט בויען א הויז פאר זיין ביבליאטהעק מיט'ן נאמען גנזי יוסף.

די צאהל ביכער וואס געפינען זיך איצט אין "גנזי יוסף" דערגרייכט ביז 25,000 אויסער בעריהמטע מאנוסקריפטען און בילדער פון אלטע צייטען, וועלכע ווערען געצעהלט ביז דריי טויזענד, ביי א צעהן טויזענד ביכער האט דר. חאזאנאוויטש אליין אוועקגעגעבען אין ביבליאטהעק. פינף טויזענד ספרים האט ער געהאט פון פריהער און נאך ביי פינף טויזענד האט ער צוגעקויפט און אוועקגעשיקט נאך ירושלים. ער איז שטענדיג געווען שטאלץ אויף זיין ביבליאטהעק און ער האט פון איהר נחת געקלבען פון דערווייטענס.

דער פערשטארבענער איז געווען א הייאהרען חתונה געהאט מיט פריילין ווילבישעוויטש, א בעריהמטע ציוניסטקע פון גראדנא. צוועלף יאהר נאך דער חתונה איז זי בעגאנגען זעלבסטמארד און ער איז פערבליבען אן אלמן ביז זיין טויט.

דע רפערשטארבענער איז געווען א הייסער ציוניסט אוןהאט זיך בעטהייליגט אין אלע ציוניסטישע קאנגרעסען. ער האט די אידעע פון ציון ניט אויפגעגעבען און





מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט

נייעס פיר אידען
אין אידישע סטאר
פאר אידען

מיר מאכען אלערליי דזשועלערי גלייך אויף'ן פלאץ. חתונה רינגען ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשועלערי פאר דעם בילינגסטען פרייז

14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעני־ווייט.
18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־ווייט.
וואטשעס געקלינט גוט און גאראנטירט 40 סענט
מיין ספרינגס 40 סענט, הייר־ספרינגס 40 סענט דזשועלס 40 סענט, סטעפס 50 סענט.

מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלערי ווי נייע פיר א קליינעם פרייז. אלערליי ברילען ריכטיג געפאסט צו אייערע אויגען 98 סענט.

מיר גיבען אייך ראיעלע סחורה פאר דעם בילינגסטען פרייז.

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט טאראנטא

קרופ אלס ביישפיעל ווי א געשעפט קען זיך ענטוויקלען

קרופ — ווער האט ניט איצט געהערט דעם נאמען קרופ?

קרופ איז דער וועלט בעריהמטער דייטשער הארמאטען פאבריקאנט וועלכער האט אזוי פיעל געהאלפען ענטוויקלען דייטשלאנדס מאכט.

דער אלטער קרופ איז שוין אפילו טוידט, אבער דער נאמען זיינער לעבט. זיין פאבריק וואס ווערט געפיהרט פון זיין טאכטער און איידים טראגט זיין נאמען און אט די קרופ פאבריק איז דער בעסטערר בעוויז, ווי א פעהיגער מענש קען זיין געשעפט ענטוויקלען.

די קרופ פאבריק איז אין דער דייטשער שטאדט עסען, און ניט נאר האט זיך די פאבריק געוואלטיג ענטוויקעלט נאר אויך די שטאדט עסען וואו זי געפינט זיך.

ווען קרופ האט געגרינדעט זיין פאבריק אין עסען, איז דאס געווען א שטעדטעל פון אכט טויזענד איינוואהנער. איצט האט זי א בעפעלקערונג פון דריי הונדערט טויזענד. אויפגעוואקסען איז די קרופ פאבריק ניט ווילענדיג, צוליעב נאפאלעאן דעם ערשטען. ער האט אין 1810 פערשלאסען פאר ענגלאנד אלע אייראפעאישע האפען שטעדט. דאס האט פערורזאכט אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך א הונגער אויף שמעלץ אייזען, וועלכע פלעגט דאן פראדוצירט ווערען בלויז אין ענגלאנד. צוויי דייטשע אפיצירען זיינען דאן געקומען צו קרופען וועלכער איז געווען א קליינער סוחר'ל אין עסען און זיי האבען איהם פערטרויט א סוד, אז זיי ווייסען ווי צו מאכען ענגלישען שטאהל. האט קרופ איינגעפיקסט א קליינע שטאהל פאבריקעל, אבער אין גיכען האט ער זיך ארומגעזעהען, אז די פאאר אפיצירען הויבען ניט אן צו ווייסען ווי צו מאכען עס, און ער האט זיי אבגעלאזען.

דער געדאנק אבער צו שאפען שטאהל איז קרופ'ען אריין טיעף אין מח. אין זיין פאמיליע האט מען געהאלטען שטארק פון דעם ווארט, "עס מוז זיין מעגליך," האט ער אלזא, ניט אזוי לייכט אוועקגעווארפען זיין פלאן אויסצוגעפינען א וועג ווי אזוי צו מאכען שטאהל. טאג און נאכט האט ער גענומען ארבייטען אויף דעם, זיין געזונד, זיין גאנצען פערמעגען — אלעם האט ער אוועקגעגעבען ביז ער האט דעררייכט זיין ציעל. ער האט אריינגעמופט אין א קליינער הילצערנער כאלופקע, וועלכע געפינט זיך נאך איצט אויך, אלס אנדענקען, אויף'ן הויף פון דער ריעזיגער פאבריק. אויף דיעזע כאטקע קען מען אך איצט זעהען אן אויפשריפט, וועלכער דערצעהלט ווי אזוי פריעדריך קרופ האט געארבייט שווער און ביטער, האט אויפגעאפפערט מיט אלעם, יאהרען לאנג געלעבט אין ארימקייט און דחקות, ביז ער אט ערפונדען ווי צו מאכען שטאהל. געשטארבען איז ער דעם 8־טען אקטאבער 1826.

זיין זוהן, אלפרעד קרופ איז געוועזען פיערצען יאהר אלט ווען זיין פאטער איז געשטארבען. ער האט זיך מיט א מערקווירדיגען חשק, מיט אן אויסערגעוועהנליכער ענערגיע א נעהם געטהאן צו ענטוויקלען ווייטער דעם פאטערס פאבריק. פון פריהמארגען ביז ביינאכט האט ער קיין רגע ניט גערוהט, פלעגט איבערטהון אלערליי סארטען ארבייט. אין אבענד פלעגט ער ליגען איבער די ביכער אום אויסצושטודירען די פערשיעדענע מעטאלען. מען דערצעהלט אז יאהרען לאנג האבען זיי (ער, זיין מוטער און צוויי קלענערע ברידער) ניט געגעסען קיין זאך אויסער ברויט, פאטייטאס און קאפע. ער האט זאגאר ניט חתונה געהאט ביז אין יאהר 1852, ווען זיין מוטער איז געשטארבען. ווען ער איז אלט געווען 39 יאהר, איז שוין ביי איהם די האר אין גאנצען גראה, ווייס ווי שניי געווארען. אבער דאן האט ער שוין געהאט א סך אויפגעטהאן.

ער האט שוין דאן ערפונדען איינינגע נייעסען, וואס האבען איהם געגעבען א מעגליכקייט צו בארגען געלד און פערגרעסערען די פאבריק. נאכדעם האט ער גענומען פראדוצירען א נייעם זארט שטאהל פאר די אייזענבאהנען, וואס האבען זיך אין יענער צייט גענומען שטארק ענטוויקלען.

אין 1851 האט ער אויף אן אויסשטעלונג אין ענגלאנד געוואונען דעם ערשטען פרייז פאר א געוויסע אויסבעסערונג אין שמעלצען אייזען, די ענגלענדער זיינען שוין דאן איבערראשט געווארען, ווען זיי האבען עס דערזעהען.

די פאבריק איז געוואקסען. איצט איז זי די גרעסטע אין דער וועלט.

אין 1812 האבען אין אהר געארבייט בלויז צוויי מאן אן 1912 האט זי שוין בעשעפטיגט 7,300 ארבייטער.

קאנאנען האט קרופ אנגעפאנגען מאכען אין יאהר 1847. אנפאנגס איז דאס געווען בלויז א שפיעלכעל, ווארום דער קאנסערוואטיווער דייטשער גענעראל שטאאב האט זיך געהאלטען פעסט ביי די אלטמאדישע הארמאטען, דענקענדיג אז קיין בעסערע פון זיי קען מען שוין גאר ניט מאכען. בלויז צוויי קאנאנען האט קרופ דאן פערקויפט — איינעם אין טוניס און א צווייטען אין אלזשיר. די דייטשע מיליטער האט זיך געהאלטען ביי די אלטע קאנאנען.

אבער אין יאהר 1859 האט פראנקרייך בעשטעלט ביי קרופ'ען דריי הונדערט קאנאנען. דאס האט שוין די דייטשען א ריהר געטהאן פון ארט. דער מיניסטארען קאבינעט צוזאמען מיט'ן רייכסטאג האבען דאן בעשלאסען צו ארדערען ביי קרופען א הונדערט קאנאנען. קעניג ווילהעלם האט דעם ארדער געביטען פון 100 אויף 300 קאנאנען.

אין 1864 ווען דייטשלאנד האט צוגענומען ביי דענעמארק די פראווינץ שלעזוויג־האלשטיין, האבען שוין געארבייט אין דער מלחמה קרופס קאנאנען. דאן פלעגט נאך פאסירען, אז א הארמאט זאל צושפרונגען ווערען. נאך דעם זיינען זיי אויסגעבעסערט געווארען. אין 1870 אין דער דייטש־פראנצויזישער קריעג, האט שוין קיין איין הארמאט ניט געפלאצט.

אלפרעד קרופ איז געווען דער הויפט־אויפבויער פון דער קרופ פאבריק. ער איז געשטארבען אין 1887. דער געשעפט איז אריבער צו זיין זוהן, פריעדריך אלפרעד קרופ, וועלכער איז געשטארבען אין 1902 דער גאנצער פערמעגען ביי א צוויי הונדערט מיליאן דאלאר, איז אריבער צו זיין טאכטער בערטהא, וועמענס מאן רופט זיך דאקטאר קרופ פאן באהלען און האלבאך. זי צאהלט איצט דעם גרעסטען "אינקאם טעקס" (אבצאהלונג פאר'ן איינקונפט) אין דייטשלאנד.

די קרופ פאבריקען פערנעהמען אן אונגעהייער גרויסען פלאץ — א גאנצע מלוכה פאר זיך. זיי האבען אייגענע קוילען גרובען אייזען־מינען און אלערליי נויטיגע געצייג־פאבריקען. דערביי געפינען זיך אויך א סך געביידעס וואס דיענען אלס וואהנונגען פאר די קרופ ארבייטער; אויך אלערליי שאפס און גראסעריס; האס פיטעלער, דראג שאפס אלעס איינגעארדענט פון די פאבריק פערוואלטער.

דער בערלינער "פארווערטס" האט א צייט לאנג אנגעפיהרט א שטארקע [illegible]

אחיובל.

גוואלד! וואס טהוט מען מיט'ן בעקעל?

די מיסעס ליפקין פון קענזינגטאן איז יעצט צוגעקומען, איהרע באקען זיינען געווען רויט ווי צונטער און די אויגען האבען געשאסען מיט פייער, זי איז געווען גרייט אויפצונעהמען א קאמפף. נאך די מיסעס ליפקין איז גלייך אנגעקומען די מיסעס קאנארייטשיק.

"מיסטער קאפולטשיק!" האט די מיסעס ליפקין אויסגערופען סאפענדיג, "איהר זאלט וויסען, אז איך וועל אייך ניט שווייגען, מיר קומט א האלבען בעקעל! אייער טשארלקע האט געקויפט דעם בעקעל ביי מיין מארין, אלזא, איך פערלאנג ניט, אז איהר זאלט מיר אבגעבען דעם גאנצען בעקעל, אבער א האלבען וועלען גאט און לייט זאגען, אז עס קומט מיר."

"פארוואס איינענטליך, זאגט מיר אקארשט מיסעס ליפקין קומט דאס אייך א גאנצער האלבער בעקעל?" האט זיך אונטערגעכאפט די מיסיס קאנארייטשיק, "דאכט זיך מיר, אז גאנץ קענזינגטאן ווייס, אז אייער מארי האט געקויפט דעם בעקעל ביי מיין סעמקען, קומט דאך דאכט זיך מיר אזא חלק אין בעקעל אזוי גוט ווי אייך, און ווי דעם מיסטער קאפולטשיק!"

"איך וועל אייך אלעמען געבען דעם בעקעל, איהר וועט האבען וואס צו האלטען!" האט אויסגערופען מיט א ברוגזקייט מיסטער האניגקוועטשער.

"זעה נור זעה, דער שווארצער מאזשעפע איז אויך דא!" האט זיך צו האניגקוועטשערען א כאפ געטהאן די מיסעס ליפקין," אומעטום וואו צוויי איז ער א דריטער! א נייער מחותן צום בעקעל! מילא, אז די מיסעס קאנארייטשיק רעדט, רעדט זי, אבער אייך וועל איך באלד געבען, אז דער שווארציאהר וועט אייך נעהמען! גארנישט, ער האט דערהערט א מעשה מיט א בעקעל, נא דיר סקאציל קומט, ער איז שוין אויך דא!"

מיסעס ליפקין, קאכט זיך ניט אומזיסט, עס איז מיסטער האניגקוועטשערס בעקעל," האט זיך אריינגעמישט די מיסעס קאטשקע, וועלכע איז אט ערשט צו געקומען צום רעדעל. "איך בין אליין אן עדות, אז דער בעקעל איז זיינער."

"אזוי גאר, איהר אליין זייט אן עדות, איהר מיינט מסתמא, אז פאר אייך וועל איך זיך דערשרעקען, איך וועל אייך דאכט זיך באלד געבען מיט איהם צוזאמען!" האט זיך די מיסעס ליפקין ארויף געכאפט אויף דער מיסעס קאטשקע, "נא דיר, זי איז שוין אן עדות! איהר געדענקט ווי איך האב אייך געגעבען פאר דער טשיקען, וועל איך באלד געבען נאך צעהן מאהל אזוי פיעל פאר'ן בעקעל! הערט נאר אידען, וואס א פרוי קען דא אגיפטהאן, אז טשארלקע קויפט א בעקעל ביי מיין מארין, און מיין מארי האט געקויפט דעם בעקעל ביי סעמקע דער מיסעס קאנארייטשיקס, קומט זי צו געהן און איז שוין אן עדות, אז דער בעקעל איז גאר האניגקוועטשערס! ניט אומזיסט רייסט זיך אזוי מיט אייך ארום אייער מאן!...."

"מיסעס ליפקין, וואס דארפט איהר זיך קריעגען", האט זיך יעצט אריינגעמישט די מיסעס קאפולטשיק, "איך וועל מאכען א פשרה, גיט מיר צעהן דאלאר און איך וועל אייך געבען דעם בעקעל."

"וואס ביסטו משוגע צו הסר דעה, האט זיך אבגערופען מיסטער קאפולטשיק צו דער ווייב, וואס הייסט, איך וועל אוועק געבען דעם בעקעל פאר 10 דאלאר, האסט געזעהען וואס מען שרייבט אין 'זשורנאל" אז אויף געלד קוקט מען ניט! ניין, איך גיב ניט אוועק אונטער פינף און צוואנציג דאלאר! דאס איז אויך גאנץ גענוג פון מיר!"

"ווייסט איהר וואס," האט זיך די מיסעס ליפקין שוין אבגערופען ווייכער, זעהענדיג, אז מען לאזט זיך האנדלען, "אייער ווייב בעט צעהן דאלאר. איהר ווילט פינף און צוואנציג, איך וועל מאכען א פשרה, מיסטער קאפולטשיק, און אייך געבען פופצעהן דאלאר."

"אלרייט, מיסעס ליפקין, זאל זיין ווי איהר זאגט די פופצעהן דאלאר, און דערצו זאל איך אייך ניט דארפען געבען מעהר די פינף און זיבעציג סענט פאר דער האלבער טשיקען, וואס איך האב ביי אייך געקויפט, אלזא גיט מיר די 15 דאלאר, און איך וועל אייך שוין שפעטער אליין ברענגען דעם בעקעל, איהר קענט דערווייל געהן אין זשורנאל, אדער דארפען צו דעם גביר אין פארקדייל און איהם פערקויפען דעם בעקעל, איהר ווייסט דאך, אז איך זאג א ווארט איז עס הייליג."

מיסים ליפקין האט געגעבען דער מיסים קאפולטשיק די 15 דאלאר, און איבערגעלאזען די גאנצע רערעל מענשען און איז אוועק מאכען ביזנעס.

זי איז אריין אין איהר גראסערי און גלייך צוגעגאנגען צום טעלעפאן.

"האללא, סענטראל! אי וואנט פארקדייל, וואן, טו, טהרי, פאאור, פליעז!

"האללאו!"

"האללאו!"

"די מיסעס ליפקין רעדט דאס, די מיסים ליפקין פון קענזינגטאן, איהר האט געשריבען אין אידישען פייפער, אז איהר דארפט א בעקעל, פאר אייער קראנקער בת יחידה, איך האב פאר אייך א בעקעל!"

גאספאדין מוהל דאלגארוקאוו, האט זיך אביסעל גוט אויסגעלאכט, נור אזוי ווי ער קען זעהר גוט גאנץ קענזינגטאן, און קען אויך די מיסעס ליפקין, האט ער געענטפערט גאנץ איידעל, "עס טהוט מיר זעהר לייד, געעהרטע מאדאם, דאס מיר האבען שוין א בעקעל. ערשט מיט א פאאר שטונדען צוריק געקויפט."

"וועל, קענט איהר דאך קויפען נאך איינעם, וועט אייער טאכטער גיכער געזונד ווערען, איך וועל ביי אייך קיין סך ניט פערלאנגען, אין גאנצען צוויי הונדערט דאלאר." האט די מיסעס ליפקין ווייטער גערעדט דורך'ן טעלעפאן, און זיך ניט געלאזען אזוי אוועקמאכען מיט דער האנד."

"יעס, מאדאם, אבער מיר האבען שוין ניט נאך איינעם, נאר מיר האבען נאך דריי! מיר האבען היינט שוין געקויפט פיער בעקלאך, און געצאהלט צו פינף הונדערט דאלאר א שטיק, עס טהוט ונז זעהר לייד, אבער מיר דארפען שוין ניט מעהר, גוד ביי, מאדאם!"

די מיסעס ליפקין, האט דערזעהען אז זי איז דא דורך געפאלען, אבער זי האט זיך ניט פערלארען. זי איז גלייך צוריק אוועק נאך באלדווין סטריט, וואו עס איז נאך געשטאנען די גאנצע רערעל מיט מענשען, און געזאגט:

זעהט איהר, מיסטער האניגקוועטשער, איך וויל אייך בעווייזען, אז מען זאגט אויף מיסים ליפקין אז זי איז א ליידי, איז זי טאקי א ליידי. זעהט אהר וואס איך קען, איהר וואלט עס אסור געטהאן, זעהט איהר, איך וויל גארנישט, גיט מיר נור אב מיינע 15 דאלאר וואס איך האב געגעבען דער מיסעס קאפולטשיק, נור דער מיסים קאנארייטשיק גיט דריי דאלאר פאר איהר חלק, און נעהמט אייך צו דעם בעקעל!"

אלע, אפילו די מיסעס קאטשקע, האבען יעצט געמוזט צוגעבען, אז די מיסים ליפקין האנדעלט דא זעהר שעהן, זי האט בעקומען פון מיסטער האניגקוועטשער די 15 דאלאר, און טאקי גלייך אויף'ן פלאץ האט ער אויך געגעבען די דריי דאלאר דער מיסים קאנארייטשיק און מיסטער קאפולטשיק האט איהם אבגעגעבען דעם בעקעל, מיט וועלכען ער איז טאקי גלייך מיט דער מיסעס קאטשקע אוועק אהיים.

אריינקומענדיג אין שטוב האט ער באלד גענומען דעם זשורנאל, און געפינענדיג דעם ריכטיגען נומער פון טעלעפאן האט ער גלייך אבגערונגען.

"האללאו!"

"האללאו!"

"גוטען אבענד מיין הערר! איהר האט געשריבען אין פייפער, דאס איהר דארפט א בעקעל א בכור, איך האב אזא בעקעל, אבער א בעקעלע שוין איינמאהל א בעקעל!"

מוהל דאלגארוקאוו האט איהם באלד געפרעגט דעם נאמען און אדרעס, און אזוי ווי ער קען גאנץ קענזינגטאן, האט ער אויך באלד זיך דערוואוסט ווער דער קאסטומער איז, ער האט דארום מיט איהם געמאכט אביסעל שפאס און געפרעגט:

"איז דער בעקעל א בכור?"

"שור!"

"איז דעם בעקעלס טאטע א בכור?"

"יעס!"

"און דעם בעקעלס טאטענס טאטע?"

"זעהט איהר דאס ווייס איך ניט," האט יאנקעל געענטפערט.

"נו, אויב אזוי טויג ניט, מיר מוזען האבען א בעקעל, וואס זיין טאטע איז געווען א בכור, און זיין טאטענס טאטע איז אויך געווען א בכור, און זיין טאטענס, טאטענס טאטע זאל אויך זיין א בכור, און אזוי כסדר זאלען געהן אלע טאטעס בכורים ביז גאר הבעקעל הראשון. זייט אזוי גו, פליעז, און ברענגט אונז אזא בעקעל, וועלען מיר אייך געבען 10 טויזענד דאלאר!"

— — — — — — — —

יאנקעל איז אוועק פון טעלעפאן און זיך גענומען קראצען די קאפ אויף אן אמת. נאך פרישע אכטצעהן דאלאר בעצאהלט און זיך מוזען האלטען מיט דעם בעקעל!

די ארבייטער אויף קרופס פאבריקען ווערען בעהאנדעלט. דאס האט פיעל געהאלפען אויסצובעסערען זייער לאגע. עס זיינען איינגעפיהרט געווארען איינינגע גוטע ארבייטער געזעצע ווי אינשורענס פאר פערוואונדעטע, "אלד איידש פענשאן" און עהנליכעס.

געמאכט אין קענעדע

ענטוויקעלט אייער היים מארקעט
— קויפט —
ווינדזאר טיש זאלץ

פערשפעטיגט

פון א. ג. גלעמבאצקי

עס איז א רעגענדיגער, קאלטער פריהמארגען, און משה'לע, א פופצעהן יאהריגער אינגעל, לויפט שנעל אין שאפ אריין.

צייטענווייז שטעלט ער זיך אב, כאפט זיך מיט דער האנד פאר דער לינקער ברוסט, גלייך ווי ער וואלט וועלען אבהאלטען דאס שטעכיניש... גיט אבער א קוק אויף'ן זייגער און לויפט מיט מורא אין שאפ אריין.

"מען קען חלילה פערזאמען"...

משה'לע איז ניט לאנג געקומען פון יוראפ מיט זיין מאמען. דער טאטע, וועלכער איז שוין דא א פאאר יאהר, האט זיי געשיקט שיף קארטען. ער איז נאך אין גאנצען ניט אויסגענוכטערט פון די פאנטאזיעס און חלומות וועלכע האבען זיין יונגע קעפעל פערנומען זייענדיג אין דער היים שפילענדיג זיך מיט זיינע חברים.

עס איז א זומערדיגער הייסער טאג ער געהט ניט אין חדר, ווייל זיי קלייבען זיך אין וועג אריין. פון שטוב פערקויפט מען אלץ: דעם קאמאד, דעם טיש און [illegible] זיצט ניט אין הויז, נאר ער לויפט ארום מיט נאך אזא יחסן ווי ער מיט אברהם־קען וואס פאהרט אויך אין אמעריקא. און ביידע, ער און אברהם'קע לויפען אוועק אונטערען שטערטעל צום טייך, באדען זיך גוט אויס און קריכען נאכהער ארויף אויף'ן בארג וואס איז ביים טייך, לייגען זיך אוועק און קוקען אין דער ווייטקייט

(פארטזעצונג אויף פיידזש 6.)

23
פיינט
פאר
$1

יעדע היים אין טאראנטא

23 פיינט פאר $1 יעדע היים אין טאראנטא. טויזענד טאראנטער פאמיליען געברויכען איצט און בענעפיטירען פון דער פארמער'ס דעירי מילך

פאר וואס ניט אייערע? זי קאסט ניט מעהר און איז בעדייטענד בעסער.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער רופט איינעם פון אונזערע דרייווערס היינט.

יעצט
23 טיקעטס
פאר $1

THE
FARMERS'
DAIRY.
פאן עדעלייד 400
367 קווין סטריט וועסט

דיימאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך־

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלערי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדערס. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.

יעדער געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דיימאנדס מיט די לייכטסטע אבצאהלונגען. ספעשעל דיסקאונט 10 פראצענט פאר קעש. דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סטריט ארקייד.

סאנפט'ס כשר האטעל

מאונט קלעמענס מישיגען

דער וועלט בערימטער מינעראל באדע פלאץ פאר רהומאטיזם. מיין האטעל איז דאס בעוואוסטע איבעראל צוליעב דיא אלע בעסטע בעקוועמליכקייטען וואס מען קען פאר געלד בעקומען. מיט די פיינסטע בעהאנדלונג און די בילינסטע פרייזען. אנפראגען פינקטליך בעאנטווארטעט.

SANFT'S KOSHER HOTEL

Mt. CLEMENS MICH. U. S. A. 30 So. Walnut St.

מ. ה. סאנאפט פראפרייעטאר. מאונט קלעמענס, מיש.

מאונט קלעמענס מישיגען

שיקאגא כשר האטעל

איז מבשר א בשורה טובה צום ווערטהען פובליקום בכלל און בפרט צו אונזערע געשעצטע געסט, דאס מיר האבען געמופט אין א פיינעם 3 סטארי סטיעם היעט בילדינג מיט אלע אימפרואוומענטס נעבען די גרעסטע בעטה הייזער. בכדי אונזערע געסט זאלען האבען די בעקוועמליכקייט, צו דערזעלבער צייט סטריקט כשר מיט דער השגחה פון א בת הרב מיוחס.

כדי אונזער האטעל זאל כשר געפיהרט ווערען אויך מיט די בעסטע בעהאנדלונג צופריערנשטעלענד א גוטע היים מיט מעסיגע פרייזען.

ביטע שרייבט וועגן, און ווי אזוי איהר פאהרט ארויס וועלען מיר אייך ערווארטען מיט'ן אויטאמאביל פריי.

CHICAGO KOSHER HOTEL
A. L. Miller & M. Scheiner, Props.
43 South Gratiot Ave.
MT. CLEMENS Mich.

טאראנטאר אידען!

ווילט איהר פערברענגען די זומערמאנאטען אויף אן פלאץ? קומט אין

פרעסטאן ספרינג הויז

וואוהין אלע דאקטוירים רעקאמענדירען צו פאהרען, ווייל דאס איז דער שעהנסטער, בעסטער און געזונדסטער פלאץ אין גאנץ קענעדע. סטריקטלי כשר. מיין נאמען איז א גוטע גאראנטי דערפאר. אלע מאדערנסטע אימפרואוומענטס און איינריכטונגען, א גן עדן אין פולען זין פון ווארט פערגעט די וועלכע זיינען דארט געוועזען.

ש. גארפינקעל, פראפרייטאר. פאר מעהר איינצעלהייטען שרייבט צו

PRESTON SPRING HOUSE. - PRESTON, ONT.

עסט פרישע עסען און לעבט לאנג

הערט מוזיק ביים עסען (שבת אווענד) און פארדייהעט גוט

עסט אין א ריינעם רעסטאראנט. אלעס שעהן, פריש, גוט, געשמאק זויבער, מיט מוזיק און — דוקא ביליג.

אבער'ס כשר רעסטאראנט

168 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן עדלייד 1960

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם

דיינינג רום אונד רעסטאוראנט

אין 192 ספעדיינא עוועניו, (ניער קווין)

עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט

דאס שעהנסטע פלייץ אין אקאמאדיישאן פיר לײדיס און דזשענטעלמען. גוטע געשמאקע כשר'ע שפייזען און גוטע בעהאנדלונג גאראנטירט.

גרינבלאט, 192 ספעדיינא עוועניו, (געגען איבער פהיבי סט־ים)

וויכטיגע נייעס פאר אלע אידען פון דער וועסט ענד.

די בעסטע ווינען און ליקער

מיר זיינען אין דער רעכטער הארץ פון דער אידישער געגענד, 25 יאהר אין דיא ביזנעס און מיר האבען די בעסטע קענע־ער און אימפארטירטע קאניאקען אונד ברענדים צו די ביליגסטע פרייזען.

א ספעשעל דיסקאונט פאר חתונות, פארטיעס און זא ווייטער.

מיר גאראנטירען פולע צופרידענהייט.

פערגעסט ניט אז דאס אלעס האט איהר

201 סענט פעטריק סטריט

א. פעטערסאן, פ'יאפ. טעלעפאן קאלערדזש 84

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטימערס און צו מאכען געלד איז צו פיהרען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלערי און נאוועלטיס ביי קאפלאן אין קא.

האלסיילער און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באוואוסטער האלסייל פלאטץ וואו פיעל פעדלער זענען בארייכט געווארען. זשאב לאטס זענען שטענדיג דא. אדרערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן אין קא. דזשאבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלאפאן עדלייד 3772.

L. WHITE & SON
177 Queen St. W
Phone Adelaide 2015

דער ספרינג איז שוין דא

קלינט, פרעסט, פארבט און פיקסט אייערע קליידער

ביי ל. ווייהט אונד סאנס

די גוט בעוואוסטע אידישע קלינערס 177 קווין וועסט, אנטקעגען יוניווערסיטי עוו. אדלייד 2015.

א גליק פאר טאראנטאר אידען

עס האט זיך ערשט ערעפענט א האלסייל ביזנעס פון די בעסטע ענגלישע און יארקשיר וואלענע שטאפען וואו איהר קענט קריגען די בעסטע און שעהנסטע וואריעס פאר סוטס אבער־קאוטס און פענטס מיט האלסייל פרייזען. אויך טיילארס טרימינגס ביי ג

J. LUBINSKY
248 Simcoe St Phone Main 6446

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קליניג. בעסטע ארבייט צו די בילינגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 אדעלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלערזש 4319.

New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E.

אדווערטיזט אין דעם „אידישען זשורנאל".

העלפט אייערע פריינד אין רוסלאנד, דורך דעם אפפיס פון

קאפלאן און וואהל

ווען איהר ווילט שיקען געלד אין רוסלאנד צו אייערע נויטהליידענדע פריינד — דאן קומט אין אונזער אפיס, מיר וועלען פאר אייך אוועקשיקען דאס געלד שנעל און ראיעל. מיר שיקען געלד טעגליך. — אונזער פרייז איז פיעל בילינגער ווי די פאסט און גראדע אזוי זיכער ווי אין פאסט. — מיר ערהאלטען פון דער רוסישער פאסט, רעסיטס מיט דעם אבנעהמערס אייגענע אונטערשריפט.

ווילט איהר שלאפען רוהיג?

דאן פערזיכערט זיך ביי אונז געגען פייער, גנבה און אלע אנדערע צופעלע. מיר רעפרעזענטירען די גרעסטע און זיכערסטע קאמפאניעס.

קאפלאן און וואהל

297 קווין סטריט וועסט, קארנער דזשאהן סטריט. (די נייע מעטהאדיסט בילדינג.)

טעלעפאן אדעלייד 239. הויז טעלעפאן אדעלייד 1545.

Elias Rogers Co's Anthracite

דער נאמען פון דער פירמא איז א גאראנטי אז איהר קריגט גוטע סחורה.

וואג און קוואליטעט

זעהט צו קריגען ראדזשערס טיקעטס דאס קענט איהר קריגען ביי

טאראנטא קאהל קאמפאני

91 עגנעס סטריט עדלייד 2029

א ראזענפעלד קאלעדזש 5089. א. יאנאווער מיין 6886.

אויפמערקזאם

צו די אלע וועלכע האבען געקויפט טיקעטס.

פאר דער טהעאטער בענעפיט פון דער דיי נורסערי

צוליעב דעם, וואס די אקטיארען זענען נאך ניט אנגעקומען אין שטאדט, זענען מיר געצוואונגען אבצולעגען דעם טהעאטער בענעפיט ביז דעם 23־טען דזשון אלע די, וועלכע האבען געקויפט טיקעטס, קענען מיט זיי קומען אין טהעאטער דעם אויבענדערמאהנטען דייט. מיט אכטונג,

די אראנדזשמענטס קאמיטע פון דער דיי נאירסערי.

אויפמערקזאם

לײדיס טיילארס, אפערייטארס און קאטערס



איהר האט איצט א גרויסע געלעגענהייט אין דער סקוהל פון

ל. עדמונד

393 ספעדיינע עוועניו

צו ווערען א פאירסט קלעס דעזיינער.

פרייז מעסיגע

צופרידענהייט גאראנטירט, אדער דאס געלד צוריקגעצאהלט.

ל. עדמונד 393 ספעדיינער עוועניו

קויפט אייער מעדיצין

אין שיירס דראגסטאר

קאר. סיינט פעטריק און אגוסטא עוועניו

נאכפאלגער צו דזש. ס. הערלי פופצעהן יאהר פראקטיקע אין דעם דאזיגען סטאר.

פרעסקריפשאנס א ספעציאליטעט. ריינסטע דראגס, בילינגסטע פרייזען. ברענגט אייער דאקטאר. אלעס וואס די בייבי אדער די מוטער ברויך.

Shiers Drug Store
Cor St. Patrick and Augusta Ave.

מט.־קלעמענס מיש.

ELKINS HOTEL

דער שעהנסטער ענד מאדערנסטער האטעל אין די וועסט

סטריקטלי כשר

דיינינג רום פלאטץ פיר 150 געסט

מיוזיק ביי די מיעלס

פיר פארטיקולארס שרייבט זאפארט צו

Saml Elkins Mt. Clemens Mich

וויכטיגע בעקאנטמאכונג

מיר האבען אימפרואווט אונזער פעקטארי מיט דיא בעסטע מאדערנסטע מאשינערי פאר אלערהאנד קאבינעט ארבייט, שניצעריי, סטאר פיקטשורס, סטאר פראנט, מיר גאראנטירען דיא בעסטע ארבייט פיר די בילינגסטע פרייזען. בעזוכט אונז הייטע און ווערט בעקאנט מיט אונז

Ontario Woodworking Co.
7 Richmond West. Phone Adel. 1369

Toronto Wet Wash Laundry Co. Ltd.

מיט אונזער לינזשער פיהלט איהר זיך פרעהליך אפילו מאנטאג.

אונזערע פרייזען: פאמילי וואשינג 75 סענט, אינדיווידועלע וואשינג, דעמפ 75 סענט, ראף טרוקען $1.00 איהר קריגט די וועש פאלקאם סטערליזירט אין 24 אדער 36 שטונדען.

291 Arthur St. Parkdale 5280

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

זי — סיין לינרזשע ריזולט [illegible] די בעסטע אויפמערקזאמקייט.

ער: יעס, און סיינע העמדער און קאלנער בעקומען די שעהנסטע [illegible] אבארבייטונג און [illegible] געפעלט מיר זעהר שעהרער.

אנטעריא לאונדרי קא. לימיטעד

91 עדווארד סט. — טעל. מיין 4821

אזוי וויא איך אלעמען איז בעוואוסט, דאס מיי מר.

מאיר גאלדהאר

אין 54 סענטער עוועניו

איז אימער דיא בעסטע און ריינסטע ברויט און מיר האבען געסטאפט פאר עטליכע וואכען, אלזא לאזען מיר וויסען דעם ווערטען פובליקום, דאס מיר עפענען צוריק אונזער בעקער שאפ און איהר קענט בעקומען צו יעדער צייט פרישע און גוטע ברויט פון דינסטאג דעם 8 דזשון.

גאלדהאר 54 סענטער עוועניו.

2823—6—18)

MEET ME AT THE FIRESIDE
Strand
YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM
MATS 5¢ 10¢
EVES 5¢ 10¢ 15¢

אינטערעסאנטעס און אמוזירענדעס פאר דיעזער גאנצער וואך. די פראגראמע איז איינע פון די שעהנסטע און געלונגענסטע.

CUNARD

עסטאבלירט 1840

אייראפא דורך ליווערפול

קאמעראניא פרייטאג, דזשון 11, 5 נאכמיטאג.
ארדונא, שבת, דזשון 19, 10, מארגענס.
טוסקאניא, פרייטאג, דזשון 25, 5 נאכמיטאג.
אסאקסאניא שבת יולי 3 10 מארגענס
קאמעראניא, פרייטאג, דזשליי 9, 5 נאכמיטאג.
ארדונא שבת יולי 17 10 מארגענס
טוסקאניא פרייטאג יולי 23 5 נאכמיטאג
סאקסאניא שבת יולי 31 10 מארגענס.

רייזען ארום דער וועלט.

דורך ראטען צו אלע הויפט פארטען פון דער וועלט.

פאר אינפארמיישאנס זיך ווענדען זוּוארד סטימשיפ קאמפאני, לימיטעד 21—24 סטייט סטריט, ניו־יארק.

אדער א. פ. וועבסטער און סאן גענעראל אגענטען 53 יאנג סטריט
לואיס גוראפסקי, 113 קווין סט. וועסט.
ראטענבערג און סאנס 141 קווין וו.
י. נארפונקעל 117½ קווין סטריט וו.

MELVILLE DAVIS

COMPANY LTD.

סטימשיפ טיקעטס פאר אלע ליניען

אויב איהר ווילט אריבערברענגען אייערע קרובים און פריינד פון אלד קאנטרי, אדער איהר ווילט מאכען א רייזע צו וועלכען עס איז וועלט טהייל, בעראטה זיך מיט דער מעלוויל דייוויס סטימשיפ און טוריסט קא. לימיטעד 24 טאראנטא סט. טעלעפאן מיין 2010 און מיין 4711.

CANADIAN PACIFIC

נייע טריין סערוויס

טאראנטא — מאנטרעאל, אטאווא דורך „לייק אנטאריא שאור ליין".

פאסט טיים נאך אשאווא, פארט האופ קייבורג, בעללוויל. טרענטאן א. ז. וו. ווייטער.

איינצעלהייטען פון סי. פי. אר. איידזשענטס, אדער שרייבט מ. ג. מורפהי דיסטריקט פעססענדזשיר איידזשענט טאראנטא

כל הקודם זכה.

אויב איהר פערלאנגט א גוטען חזן אויף ימים נוראים. אדער אויף א גאנץ יאהר אין שטאדט אדער אין קאנטרי, דאן מעלדעט זיך שריפטליך צו:

C. Wabileff 11 Camden St.
Toronto

אויך צו בעקומען א גוטען באר דיריגענט מיט א גרויסער פראקטיק.

2665—6—28)

קיין גירוש געפלאנט אויף אידען אין וויטעבסק

לאנדאן: — דער „וויטעבסקי וועסטניק", דער אפיציעלער ארגאן פון גובערנאטאר אין וויטעבסק, האט אפיציעל אפגעלייקענט דעם בעריכט וואס איז פערשפרייט געווארען, אז די גובערניע פערוואלטונג האט געהאט בדעה ארויסצוטרייבען אלע אידען פון וויטעבסקער גובערניע. די דערמאהנטע צייטונג האט אויך געבעטען די לעזער צו בערוהיגען די אידען.

דער וועסטניק האט געמאכט דיא הכחשה, ווייל דער קלאנג וועגען א גירוש האט פעראורזאכט א פאניק צווישען די אידען אין דער גאנצער גובערניע.

די אידען וואס זיינען אויסגעוויזען געווארען פון די שטעדטלאך קנישין און גאניאנדז, ארום ביאליסטאק, האבען געקראגען די ערלויבניס צוריקצוקומען אהיים.

ראטשילד און גראנד ראבי אטאקירט פון אנטיסעמיטען

לאנדאן: — צוויי אנטיסעמיטישע צייטונגען אין פאריז האבען יעצט געמאכט העסליכע אטאקען אויף די צוויי פראמינענטעסטע אידען אין פראנקרייך, אויף דעם גראנד ראבי (רב הכולל) פון פראנקרייך און אויף באראן עדמאנד ראטשילד פון פאריז.

די צוויי צייטונגען זיינען דיא „ליבר פאראל" און דיא „אקסיאן פראנסאיז". דיא ערשטע האט אטאקירט דעם רב הכולל פאר העלפען ארגאניזירען רעליגיעזע סערוויסעס פאר דיא אידישע מלחמה געפאנגענע, וועלכע זיינען דייטשע אונטערטהאנען, און דיא צווייטע האט געטאדעלט באראן ראטשילד פאר שטעהן אין געשעפט פערבינדונגען מיט זיינע קרובים אין דייטשלאנד.

מען שלעפט די ספר תורה אין סיטי האל אריין

ווי עס איז געוועזען געמעלדעט אין אייער ווערהטען „זשורנאל" האט חזן וולאדאווסקי געמאכט שלום צווישען די אידען אין בערלין אנט., נאר ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען קען קיין שלום דארט נישט זיין, דען באלד ביי די עלעקשאנס ווי עס זענען ערוועהלט געווארען בעאמטע פון איין קאנגרעגיישאן האט עס דעם אנדערען פערדראסען און זיי האבען ארויס געגנבעט די ספר תורה בייננאכט פון דער שוהל.

דער ערוועהלטער פרעזידענט האט זיך אבער מיט דעם נישט בעגנוגט און מיט א פאליסמאן גענומען דעם ספר אין סיטי האל. אלע פאמיליעס זענען נאכגעגאנגען זעהן, וואס דער פאליסמאן טראגט און לאפענדיג האט ער געענטפערט, אז ער טראגט דעם אידישען „גאט".

דערווייל געהט אן א טריעל. דאס ספר האט מען ארויסגענומען אויף 100 בייל. עס וואלט ווערט געווען אויפמערקזאם צו מאכען די בערלינער אידען ביי די יעצטיגע צייט צו לעבען אביסעל מעהר אין אחדות.

ל. מ. ירשענבוים.

דאס טערקישע חיל דעמאראליזירט

לאנדאן, יוני, 10.

די טערקישע טרופען אין מעסאפאטאמיא ווערען דעמאראליזירט.

די ענגלישע קריעגס־שיפען געהן אויפ'ן טיגריס ביז באגדאד און אויך דאס מיליטער דארט אויף דער יבשה באגעגנען זייער א שוואכען ווידערשטאנד.

אלס א רעזולטאט פון א צוזאמענשטויס וואס איז פארגעקומען דעם ערשטען יוני, וואו דעם שונא'ס חיל האט געסטראשעט איינצונעהמען קורנאה, איז עס דעמאראליזירט געווארען.

ווי עס שיינט ווייזען זיי ניט ארויס קיין ווידערשטאנד צו דעם ענגלישען חיל וואס יאגט זיי נאך מיט'ן טייך, די טערקען פערזוכען איינפאך זיך צו ראטעווען אין שיפלאך אדער אויף דאמפפער. איין שיף אזעלכע האט זיך באלד אונטערגעגעבען און א צווייטע, א טערקישע בעוואפענטע שיף, „מארמאריס", איז געזונקען געווארען.

זעהר ווייניג ענגלישע זיינען געקומען קיין אמארא אויף א ענגלישען צושטערער און דאך האט זיך באלד דער דארטיגער גארניזאן פון מעהר ווי טויזענד מאן זיך אונטערגעגעבען.

אזוי איז למשל א גאנצער טערקישער קאלום וואס האט זיך צוריקגעצויגען פון דעם טהאל כערקא, אריין אין שטאדט און האט זיך איינפאך געלאזט נעהמען געפאנגען.

די וואס זיינען געבליבען פון דעם דאזיגען חיל, אונגעפעהר 2 טויזענד זיינען אנטלאפען איבערלאזענדיג א שווערען הארמאט אין אונזערע הענד.

די וואס דרעהען זיך אויס פון אונזערע הענד ציהען זיך צוריק אין אונארדנונג און לאזען איבער זייער געווער.

מר. ה. פיינבערג

דער פיעלד סעקרעטער פון לאס אנדזשעלאס קאליפארניער סאניטאריום פאר קאנסאמטיווס איז אין טאראנטא אין די אינטערעסען פון דער אינסטיטוציאן.

ער וועט דא פערווײלען א קורצע צייט.

אמעריקאנער פערלאזען דייטשלאנד.

)::(

קאפענהאגען, יוני, 10.

פריוואטע ידיעות פון בערלין מעלדען, דאס פיעלע אמעריקאנער אנטלויפען קיין וויען און אין דער שווייץ אלס א רעזולטאט פון די אנגעצויגענע בעציהונגען צווישען דייטשלאנד און די פאראייניגטע שטאטען.

(פארטזעצונג פון פיידוש 5)

פון טייך, און טראכטען און ריידען וועגען אמעריקא.

אברהם'קע דערצעהלט איהם איבער, וואס מייקעל, דער אמעריקאנער האט איהם דערצעהלט אז אין אמעריקא איז די קינדער זעהר גוט. מען שפיעלט אין פילקע א גאנצען טאג, און מען שלאגט זיך פאר אלעמען אין די אויגען, אין מיטען גאס, און קיינער רעדט ניט א ווארט. דער טאטע שלאגט ניט, די מאמע שילט ניט; פערקעהרט, עס איז גאר א כבוד ווער עס נעהמט איין...

אברהם'קע איז פריהער אוועקגעפאהרען און איהם האט דאס פערדראסען. ער האט געוואלט מיט איהם צוזאמען פאהרען און צוזאמען קוקען ווי די שיף לאזט זיך אראב אלין אראפ און אראב צו...

שפעטער זיינען זיי אויך אבגעפאהרען און געקומען אהער.

ווען זיי זיינען געקומען האט דער פאטער געהאט זעהר א שלעכטע צייט. ער האט ניט געארבייט. אין א הויז זיינען זיי אריינגעקומען נאך אן ערגערע ווי אין דער היים. דריי קליינע פינסטערע צימערען, פערשטעלט פון די זייטיגע גרויסע מויערען. דער פאטער איז אומגעגאנגען א פערזארגטער, א פערצארנטער. אלע פריהמארגען פלעגט ער אויפשטעהן זעהר פריה אנצינדען די געז און אליין מאכען טהעע. משה'לע פלעגט שוין זיין אויף און ליגענדיג פלעגט ער קוקען אויף'ן פאטערס אומעדיג פערזארגט פנים, אויף זיינע איינגעפאלענע באקען, און עס פלעגט איהם דריקען ביים הערצעל...

דער טאטע פלעגט אלע מאהל אין מיטען טאג צו קיינעם א ווארט ניט רעדען נאר אריינטהאן זיך אין זיין „פייפער" און רעדען סתם אין דער וועלט, אז ער האט זיין פאמיליע ניט געדארפט אראבברענגען, עס איז געווען א קרומע זאך.

דערנאך האבען זיי גענומען פערדינען. דער טאטע פלעגט אבשטעהן א גאנצען טאג אין גאס ביי א וועגעלע מיט פרוכט, און די מאמע פלעגט איהם צוהעלפען. אין שטוב פלעגט זיך קיינער ניט אבשטעלען. איהם האט מען אין סקוהל ניט אבגעגעבען פופצעהן יאהר איז ער שוין, זאגט דער טאטע, וועט מען איהם פערשרייבען זעכצעהן און ארויסקריגען די „פייפערס" וועט ער געהן ארבייטען. און אז ער וועט וועלען לערנען וועט ער געהן אין א נייט סקוהל.

פלעגט משה'לע זיצען אין הויז און היטען דאס קינד. פלעגט ארויסקוקען מיט קנאה אויף די קינדער וועלכע שפיעלען זיך אין הויף אין „באלל" און פלעגט זיך דערמאהנען אן אברהם'קען וועלכער האט איהם נאך דעמאלט דערצעהלט, אז אין אמעריקא שפיעלען זיך די קינדער א גאנצען טאג.

אלע פלעגען איהם רופען „גרינע חיה" און „פערשלאפענער", און פלעגען זאגען אז אזא באיטשיק ווי ער קען געהן זוכען ארבייט.

און קוקענדיג אויף'ן דלות וואס אין הויז האט ער טיעף אין הארצען פערטהיידיגט זיינע ארימע עלטערען, און איז אוועק זוכען ארבייט.

און ווי שווער איז דאס געווען פאר אזא יונגען גרינעם אינגעל געהן איבער די שעפער און זוכען ארבייט און בעקומען אלץ איין און דעם זעלבען ענטפער: „דאנט וואנטעד"!

נאך א סך שלעפעניש האט ער געקראגען צו זיין א „שיק־אינגעל" אין א גרויסען שאפ.

אבארבייטענדיג איניגע וואכען האט ער גענומען פיהלען א שטעכעניש אין ברוסט. קעהרענדיג דעם שאפ קען ער דעם ריח ניט פערטראגען; דער אטהעם ווערט איהם שווער, אזוי שווער, אז ער מיינט אט ווערט ער דערשטיקט.

דערצעהלען אין דער היים האט ער ניט געוואלט. עס וועט איבערגעהן, פלעגט ער טראכטען.

היינט אין דער פריה האט ער פערשלאפען. עס איז געווען רעגענדיג א קאלט, און ער האט געפיהלט זעהר שלעכט. ער איז אוועקגעלאפען ניט קיין געגעסענער.

עס איז שוין גוט שפעט, טראכט ער לויפענדיג; נאך נעכטען האט אויף איהם דער בייזער פארמאן געשריען אז ער איז צו פויל פערשלאפען.

און ער לויפט אזוי גיך ווי ער קען. אט קומט ער שוין צו צו דעם שאפ.

נאך זייענדיג אויף די טרעפ האט ער שוין געהערט דעם גערויש פון די מאשינען אין שאפ, און איהם האט ביים הארצען אבגעריסען. אריינקומענדיג אין שאפ האט ער געזעהען ווי א שווארצער איינגעל קעהרט אויס דעם שאפ, זיין ארבייט...

דער פארמאן, בעמערקענדיג איהם האט איהם צוגערופען און געזאגט:

— וועלל באי, מיר דארפען דיך שוין ניט יעצט. אז מען וויל שלאפען געהט מען ניט אין שאפ. נאך די פאר דאלאר וואס דיר קומט וועסטו קומען אין „פעי דעי".

און דער שווארצער אינגעל פינטעלט מיט זיינע רויטע אויגעלאך, ווי ער וואלט וויסען וואס דא קומט פאר, און נעהמט זיך מיט מעהר חשק צו זיין ארבייט...